STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02788

VEGEN FUN A NESHOME

M. Varsho

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה וואַרשע

ווענען פון אַ נשמה

טאָגבוך. פערזען. בלעטלעך.

אַרויסגעגעבען פון
ל. טעפּער און ז. לאַנדוי

משה ווארשע איז געבוירען געווארען אין א קליין ליט־וויש שטעדטעל אנטאָפּאָל. ווען ער איז נאָך געווען א קינד, ציהען זיך זיינע עלטערען איבער נאָך פּלאָצק. אין דער דאָזיגער שטילער פּוילישער שטאָדט האָט ווארשע אבגעלעבט זיינע קינדישע יאָהרען. ער איז געווען א קרענקליך קינד, געמידען מענשען און ליעב געהאַט איינזאמקייט; שטענדיג ארומגעגאנגען א פער׳חלום׳טער, נישט אומזיסט האָט ער געהאט א צונאָמען: דער פערגאפּעטער.

דאָס געזעלשאפטליכע, אָבער, האָט גאר פריה צוגעצויגען ווארשע׳ן. א קליינע צייט איז ער אונטער דער ווירקונג פון ציוניזם, שטעהט, אָבער, באלד צו צום „בונד“. ער אַגיטירט, פּראָפּאגאנדירט, טהוט אָרגאניזאציאָנס ארבייט. ער ווערט א פּאָר מאָל ארעסטירט: זיצט אין ווארשע, פּלאָצק און קאליש.

טהוענדיג צוליעב די דערשראָקענע עלטערען, פאָהרט ער אוועק אין יאהר 1906, א ניינצעהן יעהריגער בחור, נאָך אמעריקא. דא איז ער א פאבריק־ארבייטער, צייטונגס־

טרעגער, איבערזעצער, און אין די לעצטע חדשים — א הויז־וועכטער. א פיזיש שוואכער טהוט ער די שווערסטע אר־ביים, און איז צופריעדען. לעבען לעבט ער אסקעטיש, איז גוט צו חברים, האט ליידענשאפטליך ליעב דאס אידישע ווארט, אבער טראכטען טראכט ער וועגען זיך, וועגען אויס־לייזונג. וואס ווייטער אלץ מידער זיין גייסט. ער מיידט אויס מענשען, פרעמדע און אייגענע; שטראפט זיך פאר זינד אמת'ע און — פאנטאסטישע; געפייניגט פון קאש־מארען, קראנקהייטען פון קערפער און גייסט, פרואווט ער אלץ צו דערהויבען זיך, ווערען אמת'דיג, גוט, פרום.

אומזיסט. „פון נויט" לעבט משה ווארשע שוין לאנג א פער'משפט'ער.

ווי א פרעמדער איז ער ארומגעגאנגען צווישען לעבעדי־גע, שרעקענדיג זיי, א דערשראקענער, און אין דער נאכט פון צוויי־און־צוואנציגסטען אפריל, 1912, האט ער פערלאזען אונז אין גאנצען. אוועק שטיל, אהן רייד, נישט זאגענדיג קיין זיי־געזונד אדער לעצט ווארט, אפשר מורא האבענדיג פאר'ן ליגען פונ'ם לעצטען ווארט. האט זיך ערפילט משה ווארשע'ס אלטער, איינציגער גרויסער וואונש, איז ער א פרייער, א בעפרייטער, זאכט געגאנגען אנטקעגען דעם „גוטען, ווייסען מלאך פון טויט", אדער האט ער זיך אין

שרעק געוואָרפען אין די אָרימס פון שווארצען טויט? איז געקומען א בלינדער, נארישער צופאל, אָדער געשעהן איז דאָס וואונדערבארע: זוכה געווען האָט די נשמה, פונ׳ם גזזע פון פלייש בעפרייט זיך און פון שטויב געוואָרען רעאַליטעט?

ארויסגעבענדיג די דאָזיגע פאפיערען, ערפילען מיר ניט קיין פליכט צום פערשטאָרבענעם. מיר האָבען אין זינען יענע, וואָס דארפען זיינע רייד צו זיך הערען. דאָס זענען די נשמות, וואָס ראנגלען זיך, ווי ער. ער איז געשטרויכעלט געוואָרען, געפאלען — אפשר וועלען זיינע שטראָף־רייד זיין פאר זיי א גוטע בשורה, א וואָרנונג, עפעס א געוועהר?

בלעטלעך, וואָס טריפען מיט בלוט פון א נשמה, וואָס וויל א לעבען אין אמת, געהען אריבער אין רשות הרבים. זענען זיי פאר אַלעמען? ניין, זיי זענען נאָר פאר אייגענע, פאר יענע, וואס ווילען און מעגען הערען. די איבעריגע — די פרעמדע — זאָלען זיך שטעהן און צוהערען, סיי ווי סיי, וועלען זיי גאָר ניט פערשטעהן. און נאָך עפעס: די נשמה האָט אויף איהר קבר א געצעלט געבויט — איז דאָך דאָס ניט פאר לעבעדיגע. מיר זאגען: יאָ, דאָס איז פאר די לעבעדיגע, דען אין געפאהר איז יעדער לעבעדיגער און איהם קען נאָך עמיץ, עפעס העלפען. משה ווארשע האָט זיך פער׳משפט. צי זיין משפט איז א גערעכטער צי ניט —

אין דער טיעפעניש פון הארצען וועלען מידע, בלוט־פער־לאָפענע גוטע אויגען חבר׳יש אייך בעגלייטען אויפ׳ן שווערען וועג צום אמת.

א הארציגען דאנק קרובים און גוטע בעקאנטע, וואס האָבען אונז געגעבען די מעגליכקייט ארויסצוגעבען די דאָזיגע טאָגבוך־בלעטלעך, פערזען, שפּרוכען, ווערטער אייגענע און פרעמדע, וואָס האָבען געשראָקען, און געטרייסט, און גע־שטארקט משה ווארשע׳ן.

ניו יאָרק, אָקטאָבער 1913.

טאָגבוך

28טען יולי, 1911.

פאר'ן טאָגבוך האָב איך מורא. טאָגבוך איז בעוואוסט־זיין, חשבון הנפש. ס'איז ווי א ליכט וואָס בעפאַלט, און איך האָב זיך בעהאַלטען אין א ווינקעל, און וויל אין דער פינסטערניש זיך אליין ניט דערקענען. טאָגבוך איז געוויסען, און פאַר געוויסען האָב איך מורא.

אין אָנגעזיכט פון יעדער נשמה ווער איך א צוטומעלטער, א צושראָקענער. איך פיהל, אַז איך נאַר און שפּיעל מיט פאַלשע קאָרטען: מיך שרעקט דער נאַאיווער גלויבען, און די גוטע אויגען, וואָס קוקען זיך איין, און וואַרטען. צום עקעל זענען מיר די אַלע אוננוצליגע, פּוסטע, נארישע רייד, וואָס קומען פון ערגעץ ניט, און שיטען זיך אָהן זין. דאַרף מען ריידען אמת — קען איך ניט.

אין אָנגעזיכט פון יעדער טהאַט, בעשלוס א יאָ אָדער ניין, וואָס מען קען ניט צוריקנעהמען, פּיהל איך, אַז איך בין א שווינדלער. ארויסצודרעהען זיך מיה איך זיך. ס'איז ניט מיין זאַך.

דאָס, וואָס איז מיט ליכט בעגאָסען, אין מיר און אויסער מיר, מאָנט און דערמאָנט: וויל איך ניט קיין ליכט. אין דער פינסטער וויל איך בלייבען, זיך וויגען און פּערווינען,

און פּערגעסען. אַלץ, אַלץ פּערגעסען — די קינדישע שטראַה־לענדיגע אויגען און די טויטע־בלינדע.

פּערגעסען טאָר מען ניט. נאָר יענער, וואָס געדענקט שטענדיג אַלץ, האָט אַ רעכט צו לעבען. ס'קוקען אויגען, בעטען און שטראָפען, אויגען שטומע, פערשטאַרט־דערשראָ־קענע. און עס זינקט אַלץ נידעריגער דער קאָפּ. הויב אויף דעם קאָפּ! מיט די בלוט־פּערגאָסענע אויגען קוק! זאָלען אויגען מיט אויגען בעגעגנען זיך. אפשר וועט אַ נס גע־שעהן?

טאָגבוך

30 יולי.

צוויי וועגען.

איינער — שטאַרבען.

דער אַנדערער — „ליגען קניהענדיג פאַר דיר מיין גאַנצען לעבען, אפשר וועסטו מיר אַמאָל מיין שווארצע זינד פערגעבען". ניטאָ קיין אַנדערער וועג. אָדער—אָדער. טהו איך עפּעס אַנדערש, איז דאָס מיאוס'קייט און אומווירדיקייט. איך בין אַ שטינקענדיגע נבלה, וואָס צופאַלט און פוילט, און נאַרט די וועלט — מיט כלומר'שטען לעבען, און זיך אַליין — מיט בענקענישען.

צוויי ברירות.

אָדער מיין פּסיכיק איז אַ פלאַטערדיגער שאָטען, וואָס בעלייט די פוילענדע נבלה, און נאַרט און פערנאַרט מיך אַלץ ווייטער און ווייטער; אָדער עס געשעהט דער נס: אויף דער נבלה האָט גאָט'ס גייסט גענידערט. תחית המתים. אַ נס אָבער געשעהט יעדע רגע, אָדער איז קיין נס ניט. יעדע רגע טרינקסט דו זיך אין שרעק און יאוש — געשעהן איז דאָס אונמעגליכע, דו ביסט פול פרייד. אָדער ס'איז אַ קונץ און אַ שווינדעל: דאָס פערפיהרט מיך דער ניט־גוטער צום טויט, צוזאַגענדיג לעבען.

אָדער יעדע רגע פון מיין לעבען איז אַ קרבן פאַר מיין זינד, יעדע רגע בעט איך, וואַרט און וואַרט — נאָך ניט

אויסגעקויפט איז די זינד מיינע. ווייט איז די גנאָד, שווער — דער וועג, אָבער איך געה אַנטקעגען דער גנאָד, וואָס וואַרט אויך אויף מיר. אָדער איך פּויל, צופּויל, ווער זאָמד און מיסט, און חלום פון אויפערשטעהונג. אויב אַזוי — דאַרף איך שטאַרבען.

מעג מען צוברעכען גאָט׳ס געפעס — זאָג איך זיך. און פרעג: איז דאָס ניט דער שרעק פון אַ חיה, מיאוס׳ע פייגהייט. זוך איך ניט דעם מזבח־ווינקעל צו ענטרינען פון טויט — איך, צום טויט פער׳משפּט׳ער, וואָס האָט דעם טויט פערדינט, און איז שוין טויט?

רעכט צו לעבען האָט נאָר דער מענש, וואָס קען פריי געהן צום טויט, ווען קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. איז פאַר מיר קיין אַנדער וועג ניטאָ? יעדע רגע מוז איך זיך אַליין דערוויזען, אַז איך האָב אַ רעכט נאָך צו לעבען, אויף גאָט׳ס וועלט אַרומגעהן, מיט מיינע פיס אויף גאָט׳ס ערד טרעטען, אויפ׳ן רעגענבויגען פון די פאַרבען קוקען, און פון די נשמות. דאָס קען איך ניט דערוויזען. איך האָב ניט דאָס רעכט צו קוקען, און דער, וואָס טאָר ניט קוקען, זעהט ניט. זינדיג בין איך, און אין שאָטען פון מיין זינד ווערען אַלע לעבענס־פאַרבען — בלייך, און נשמות — מאַטע, טויטע מאַסקעס. מיין רעכט דאַרף איך שאַפען, יעדע רגע שאַפען. קלאַפּט — און מען וועט אייך עפנען. קלאַפּ איך? איך האָב מורא צו־צוגעהן נאָהענט צום טהיר, זי איז פערקלאַפּט — געה איך מיר אַרום, וואַרט עמיץ זאָל קומען און זאָגען: די טהיר איז אָפען. קיינער וועט ניט קומען. „קלאַפּט — און מען וועט אייך עפנען".

טאָגבוך

אין שווערע מינוטען לויף איך צו חיות. נאַסע פּנים'ער און גוטע תּם'עוואַטע אויגען. אָדער זיי שווייגען; געהען אַרום, אַליין אַרום, און שלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן די גראַטעס. אָדער זיי ראָוען שרעקליך, און עפּעס אַזוי אויסגעצויגען: ווערע די בעזיגטע! חיות ווייסען ניט פון ליגען. זיי זענען אמת. אונקלאָר טראַכט זיך אָפּט, אַז קיין זינד איז גאָר ניטאָ. אָבער איך, איך בין זינדיג. מיין ווירקליכקייט איז זינד. איך דאַרף זי טויטען, יעדע רגע — אָדער זי טויט מיך.

משה וואַרשע

1 אויגוסט.

וואָס בין איך? אַן עגזאַצענטריקער? איך בין פערנומען מיט זיך, און נאָך אַמאָל מיט זיך. איך דרעה זיך ארום זיך אָהן אַ סוף. ארום מיר — שרעק, פיין, שווערע לאַנגוויל פון אוננויטיגען לעבען. מיך ארט דאָס ניט, דאָס אַלץ איז פאַר מיר אַן אבסטראַקציע, עפּעס אַ מעשה. איז מיין האַרץ מיט פּעטס בעדעקט, ווי דער נביא זאָגט, און אינ׳ם פעטס ווערען פערזונקען און שטאַרבען אָב די קלאַנגען פון דרויסען — קינדער־געוויין און יאוש־געשרייען, תפלה און קללה? גאָרנישט האָט פאַר מיר אַ בעדייטונג פאַר זיך, מיינע קאַטעגאָריעס זענען: איך און די וועלט. פון נשמה צו נשמה ציהען פעדים זיך — וואונדערליכע, מעלאָדישע. פאַר וואָס שטיק איך זיך אין פוסטקייט?

עמיץ צאַפּעלט זיך אין זיין נעץ, רייסט און פערפּלאָנטערט זיך אַלץ מעהר, רייסט און פלאָנטערט זיך און פלאַטערט ווי אַ פויגעל — אַ צושראָקענער, אַ צובלוטיגטער. איך זעה, נאָר וואָס פיהל איך? אַ קאַלטער, אַ גלייכגילטיג־נייגיעריגער שטעה איך אָן אַ זייט. און כ׳בין אין כעס, וואָס יענעמ׳ס שרעק איז ניט געוואָרען מיין ליעד.

און דאָך איז דאָס געווען. כ׳האָב געהאָפּט, געבעטען, זיך געשראָקען — פאַר יענעם. ארויסגעריסען האָט זיך מיין

נשמה פונ׳ם קאַלטען און טעמפּען בעהעלטעניש, וואוהין ס׳גרייכען ניט קיין קלאַנגען, און אַ נאַקעטע, אַ פּערציטערטע איז זי געבליבען הענגען צווישען הימעל און ערד, ווי דאָס האַרץ פון דער וועלט, בלוטענדיג און טאַנצענדיג — מיט אַלעמען, פאַר אַלעמען. מיט אַלעמען אפשר ניט, אָבער מיט עמיצען — יאָ. געווען איז דאָס אַ רגע. דאַרף איך לעבען אין זכות פון ד ע ר רגע? איז ד ע ר רגע נאָר בעשערט מיט איהר בלייבען אָבשיין צו בעלויכטען און דערוואַרימען יענע קאַלטע, טעמפּע, שטיקענדיגע בעהעלטעניש?

און ווידער איך און די וועלט; פון דעם קרייז קען איך ניט אַרויס. און דאָך איז דאָס געווען: אינ׳ם אָנגעזיכט פון דער גרויסער וואונדערליכער וועלט בין איך פאַר זיך געווען עפּעס אָהן זין און ווערט, אַ שאָטען וואָס פערגעהט, אַ זייפענ־בלאָז, אַן אילוזיע. און אַ רעאַליטעט איז געווען די וועלט, אַ רעאַליטעט — מיין האַרץ, געוואָרען איז דאָס פערוועלקטע האַרץ מיינס — דאָס האַרץ פון דער וועלט, און איך, מיין לייב — אַן אומווירדיג געפעס פון טומאה.

האָט זיך ניט אַלץ געביטען? לעב איך ניט ווידער מיט זיך נאָר, און אין זיך נאָר? און וואָס איז מיין איך? קראַנקע נערוון, צוקראָכענע גלידער, מיאוס׳ע געוואוינהייטען, פוילע געדאַנקען. ווער ווייס, וואָס בינדט זיי צונויף? אפשר נאָר אינערציע. און ווי איך דרעה זיך ניט, פון וואָס פאַר אַ זייט איך פּרואוו ניט צוצוגעהן צו דער וועלט, קען איך זיך אַלץ ניט בעהעפטען מיט איהר, געה ניט ווייטער פון שכל׳דיגע קאָנסטרוקציעס, און ווידער — איך מיט זיינע פוילע גע־דאַנקען.

משה וואַרשע

וואו איז דער אויסוועג? ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דעם ניט־גוטענס פער'כשופ'טען קרייז? ווי ווערט מען אַ נשמה — אַ האַרץ פון דער וועלט איז יעדע נשמה — און ניט אַ בלינד, טויב בעשעפעניש?

4 אויגוסט.

נאָר אין אמת, און אינ׳ם זכות פון אמת לעבט א מענש. אמת איז דאָס גרויסע וואונדער פון לעבען: גאָרנישט ווערט עפּעס, פון שאָטען — רעאַליטעט. אין דער וועלט פון שאָטענס איז ניטאָ אמת און ליגען, דען די גאַנצע וועלט איז ליגען און אין ליגען; נאָר אין דער וועלט פון רעאַליטעטען איז געבוירען געוואָרען דער אונטערשיעד צווישען אמת און ליגען. דאָס האָט גאָרנישט מיט פּוסטע טויטע אויגען א לויערנדען בליק געוואָרפען, און דערשראָקען האָט זיך די נשמה, און געזאָגט: ליגען! און געזאָגט זיך: ליגען וויל איך ניט. האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע מלחמה; דאָס וויל שאָטען איינשלינגען די רעאַליטעט. אויף א מלחמה ווי אויף א מלחמה: נצחונות און מפּלות, מינוטען פון בטחון, מוט און גלויבען אין זיך, און מינוטען פון שוואַכקייט, צווייפעל און יאוש — האָט די נשמה איהר שוואַכקייט א נאָמען געגעבען: זינד. אין דער וועלט פון שאָטענס איז קיין זינד ניטאָ, דען זי איז אינגאַנצען אין זינד.

אמת, ליגען, זינד. אין דער וועלט פון רעאַליטעטען האָבען די קאַטעגאָריעס א זין, א בעדייטונג. די נשמה לעבט אין אמת, אויפ׳ן ראַנד פון אַבגרונד, אין געפאַהר פון ליגען; זי שרעקט זיך, היט זיך, פאַלט און דערהויבט זיך, זינדיגט

און טהוט תשובה. אבער אלץ וואס לעבט אין דער אמת'ער וועלט, לעבט אויך אין דער וועלט פון שאטענס — שאטענ־האפט. און רעדט מען דארט פון אמת, ליגען, זינד — זענען דאס די שאטענס פון אמת, ליגען, זינד. פערלוירען איז דער זין, געבליבען — ווערטער אונבעשטימטע, פוסטע.

זייט טהוער פונ'ם ווארט, און ניט הערער, וואס נארען זיך אליין.

ווער עס הערט דאס ווארט און טהוט ניט, איז געגליכען צו א מענשען, וואס בעקוקט זיין פנים אין שפיגעל.

ער האט א קוק געטהאן אויף זיך, איז אוועק, און באלד פערגעסען וואס ער איז.

נאר דער וואס וועט אננעהמען דאס פאלקאמענע געזעץ פון פרייהייט, און אין איהם בלייבען, ניט זיין א הערער וואס פערגעסט, נאר א טהוער — וואויל איז דעם מענשען און זיין טהון (אפאסטאל יעקב).

6 אויגוסט.

דער זין פון מיין לעבען — יעדעס לעבען מוז האָבען א זין — איז צו דערטראָגען די אייגענע נשמה, דעם פקדון, וואָס גאָט האָט מיר געגעבען, ביז׳ן סוף פון דעם מיר בעשערטען וועג. דאָס איז ניט געווען מיין אמת, איצט איז דאָס געוואָרען. איך בענק נאָכ׳ן אמת, וואָס איז געווען און פערגאַנגען. איך האָב איהם געטויט.

איצט טויט איך מיין נייעם אמת. ווער לויערט דאָס אויף מיר? טויט? איך בין א צובראָכענע כלי אָהן כח צו פאַלען. אויף מיר לויערט — משוגעת. ניט געגאַרט זיך אָדער איך נעהם אָן מיין אמת, טראָג מיין קרייץ דעמוטיג, אָדער — — — — — — — — — — — — — — — —

8 אויגוסט.

קען איך ווערן? וויל א מענש עפּעס באמת, דאָס און ניט עפּעס אַנדערש — דערגרייכט ער. אָבער צי וויל איך? וואָס וויל איך? א מענש איז פּערשפּאַרט, אין א תּפיסה. שלעכט. טראַכט ער אָהן אויפהער ווי אַנטלויפט מען, און ניטאָ קיין וועג. אַן אומגליקליכער, דוכט זיך; אין אמת׳ען, א קאָמישער מענש: אין זיין האַנד איז דער שליסעל צום טהיר.

כ׳וויים ניט וואוהין צו געהן. אינוועניג דרעה איך זיך, פון וואַנד צו וואַנד איז מיין אויסגעטראָטענער וועג. און טהו איך א קלאַפּ מיט׳ן קאָפּ אָן דער וואַנד, ניט שטאַרק חלילה ס׳זאָל קיין בייל ניט ווערען — געה איך מיר ווידער אויפ׳ן זעלבען שמאָלען וועג. אָבער אין דרויסען איז שייד־וועגען, און וועגען אָהן א סוף, אין אַלע זייטען. שטעהן בלייבען קען מען ניט, ס׳געהען מחנות, מען וועט דיך צו־טרעטען. פאר׳ן דרויסען אָבער האָב איך מורא. כ׳בין פויל — מיט׳ן שליסעל די טהיר עפנען. איך מורמעל אָן אָב־שפּרעכעניש עפּעס, אָה, איך בין א מייסטער פון וואָרט. טהיר, טהיר, פּראַל זיך אויף — לאָז א גוטען מענשען אַרויס! ס׳עפענט זיך ניט — וואָרט איך. וואָס האָב איך קיין צייט ניט? מיך שרעקט דער דרויסען.

טאָגבוך

אין ליגענס פּערוויקעל איך זיך אַלץ מעהר — איך דאַרף זיך פון זיי אַרויסרייסען. איז מיין תפיסה אַ תפיסה, דאַרף איך אַרויס. אָדער ס'איז אַ בעהעלטעניש פאַר אַ נידריגער און ביטרער נשמה — אַ שמירה פון יעדער געפאַהר, קשיות און פעראַנטוואָרטליכקייט. איז דאָס ניט דער לייכטסטער און בעקוועמסטער וועג? אויף אַ וועג איז פאַראַן שטרויכלונגען, אָבער דאָס איז קאָמפאָרט פאַר דער נשמה.

נאָט! גיב מיר כח און מוט צו קוקען אָהן עקעל אויף מיין האַרץ און לייב (באָדלער).

משה ווארשע

10 אויגוסט.

איך בין שלעפעריג, מיעד. איך וויל גארניט. נאר פער־געסען. נאר שלאפען. פוילקייט נעהמט מיך ארום; איהרע ארעמס זענען ווייכע, אבער גליטשיג־קאלטע. איך זוך רוה, און טאפ אן עקעל.

רוהען טאר איך ניט. מיין עובדא איז, מיין נשמה — די שוואכע, ברעכיגע פארם, וואס איז אזוי נאהענט צו כאאס — צו פערהיטען פון כאאס. איך טאר זיך ניט אבלאזען קיין רגע. גיב איך אב די רגע צו פוילקייט, אומעט, זנות, לאנג־וויל, פערטראכטקייט און א געפיהל פון אומגליקליכקייט, פערגעהט זי אן אונפרוכטבארע, א שווער־אונגנויטיגע — האב איך א פעסטונג איבערגעענטפערט דעם שונא אין די הענד. איך בין געווארען שוואכער, ער — שטארקער. נעהענטער רוקט ער זיך צו צו מיר, און איך האב נאך א טראט געטהאן אויפ׳ן וועג, וואס ברענגט ניט צוריק.

מיינע רגע׳ס מעגען זיין אדער שרעק, אדער טרויער, אדער פרייד, אדער גערדאנק, אדער ארבייט, אדער תפלה. און דאס איבריגע איז פונ׳ם ניט־גוטען.

שוואך בין איך, שווער — דער וועג. און געה איך — קוק איך אן א זייט, אפשר איז דארט רוה און פערגעסענהייט. פערטראכט איך זיך, שלעפען מיך שוין די פיס אהינצו, אוועק.

אויף דער וואך מוז איך זיין — מיין וועג איז אויפ'ן ראנד פון אָבגרונד. כ'דארף ניט וויסען פון קיין רוה, איך מוז געהן אלץ שנעלער, ווייטער. אָהן א סוף איז מיין וועג.

זיעגען וועל איך ניט, אויפ'ן ברייטען זונען־שליאך פיהרט מיין וועג מיך ניט. מיר איז בעשערט — דאָס האָב איך זיך אליין בעשערט — לעבען שטענדיג אין געפאהר. יעדע רגע בעגעגנען זיך מיינע אויגען מיט אויגען, וואָס פערבאָרגען — משוגעת, יעדע רגע — א נסיון. דאָס איז מיין שטראָף. ניט אָננעהמען די שטראָף איז די גרעסטע געפאהר און א נייע זינד.

גאָט! איך נעהם אָן מיין שטראָף, גיב מיר כח די שטראָף צו פערטראָגען.

ווערטער, ווערטער, ווערטער. דעקלאַמאציע. אקטיאָר און פובליקום, שיינע רייד און אפּלאָדיסמענטען אָנשטאָט בעשלום און ארבייט. דאס איז ליטעראטור. ס'איז דאָך שטענדיג אזוי. וואס אונפרוכטבארער דאס לעבען — דאס גרעסער דער פּאָק אידעען.

ווי רייסט מען אראָב פון זיך די מאסקעס? אפשר איז דאָס א ליגען: איך רייס ניט. איך טהו אָן נייע, אלץ נייע. אדער בין איך כלו מאסקע? און דאָס האָט מיך עמיץ פער־שאָלטען כ'זאָל מיין גאנצען לעבען זיי רייסען, איינע נאָך דער אנדערער, און צום פּנים ניט דערגעהן, ווייל קיין פּנים איז — ניטאָ. און זענען די דאָזיגע רייד ניט א ליגען, וואָס קוקט זיך אָן אין שפּיגעל און האָט הנאה פון זיך?

ניין, איך רייס ניט אראָב מיינע מאסקעס, זיי זענען

דאַך צוגעוואַקסען, רייסט דו — טהוט וועה. איך קוק אין שפּינעל אבער און קלייב נחת.

גאָט! גיב מיר, שוואַכען, כח צוצורייסען דעם ניט־גור טענ׳ס נעץ, זאָל זיין כשוּת פון מיר אָבגעטהון ווערען!

זעה, איך האָב שוין קיין הארץ ניט, ניט איך וויים פון שרעק, ניט פון פרייד, ניט פון פיין — איך קוק און קוק, צי ס׳געפעלט מיר, צי ס׳געפעלט מיר ניט. גאָט! גיב מיר א האַרץ!

טאָגבוך

13 אויגוסט.

ס׳איז אונמאָראַליש צו לעבען אונבעוואוסטזיניג. מען טאָר ניט דערלאָזען, אַז דיין לעבען זאָל בעשטימט ווערען פון די בלינדע כחות פון ירושה, געוואוינהייטען, איינפלוסען, מיט אַנדערע ווערטער, מען טאָר ניט גלויבען אין זיך, און זיך אָננעהמען ווי עפּעס אבסאָלוטעס. ס׳איז אַ ליגען, קיינער איז ניט אבסאָלוט — ווערטפול.

אָבער וואָס הייסט בעוואוסטזיין? אָבער ווי, אַז דו גלויבסט זיך קיינמאָל ניט, טויטסט יעדען בעשלוס, און יעדען געדאַנק דיינעם, ווי נאָר ער ווערט געבוירען — איז דאָס ניט אַ לעסטערונג? ביסט דו אין דיינע אייגענע אויגען אבסאָלוט ווערטלאָז, הייסט דאָס ניט געלייקענט אינ׳ם צלם אלהים, וואָס איז אין דיר געווים פאַרהאַן.

אַכטען דאַרף מען דאָס געטליכע אין זיך, ווי דאָס געטליכע אין דער וועלט און מענש. ציניזם איז אַלץ ציניזם, ווען אויך זיין אָפּפער ביסט דו אליין.

ס׳איז אַ פראַגע, צי האָב איך זיך דערהויבען צו עהרפורכט פאַר דער וועלט, זיכער איז, אַז פון עהרפורכט צו זיך וויים איך ניט. אָבער איז ניט די דאָזיגע צוטיילונג אַ פאַלשע? דער ציניקער איז ציניש אין אַלעמען, און דער פרומער — פרום אין אַלעמען. רעליגיעזע נאַטורען זענען פול גלויבען

און פערוואונדערונג אויף צו זיך, דען זיי ווייסען, אז גאָט איז פאַרהאַן אומעטום, אויף אין זיי. פון יעדען לעבען געהט א וועג צום ניט־גוטען, אבער אויך — צו גאָט. דער וואָס פעראכט זיך און ערנידריגט זיך אָהן א סוף, פעראכט און ערנידריגט דאָס געטליכע אין זיך. דאס איז א גרויסע זינד.

ווער ס'גלויבט ניט אין זיין ערלייזונג — ווערט ניט ערלייזט ווערען. מיאש זיין זיך איז א זינד. נאָר דער מענש קען זיך ראַנגלען, ווער ס'זעהט אין זיך כאָטש א שוואכען פונק פון געטליכען. פון א פונק קען ווערען א פלאַם. יושבי חשך וצלמות ווייסען נאָר פון ציין־קריצעניש און טויט.

אבער איז אין מיר פאַרהאַן דער פונק? אפשר איז

Darkness there and nothing more?

15 אויגוסט.

Darkness there and nothing more?

א פיינע מליצה! דאס איז דעקלאַמאַציע, וואס זוכט עפעקטפולע ווערטער, די פּאָזע פון אומגליקליכקייט, — א ליגען.

חשך — יאָ, אבער אינ'ם חשך גליהט א שוואַכער, שוואַכער פונק. ווייס איך פון ליעבע? דאַכט זיך, ניט. האָב איך דען זוכה געווען? ווער ס'האָט ליעב א י י ן נשמה, האָט ליעב און איז אין גאָט. אָבגעשטארבען איז מיין הארץ געווען, און איז פול פרייד.

ניט פרייד, דאס דארף מען ערשט זוכה זיין, נור האָפנונג און אונקלאָרע ערוואַרטונג. האָב איך דען ווען ס'איז געגלויבט — אַלץ צושטער איך, פאר וואָס גלויב איך איצט, אז עפּעס וואַרט אויף מיר? און פול דאַנקבאַרקייט בין איך, פול שולדיקייט און אומבעהאָלפענקייט.

אינ'ם חשך פלאַטערט ציטעריג א פונק. היטען דאַרף איך דעם פונק. אפשר וועט פון איהם א פלאַם ווערען?

א שלאָפלאָזע נאַכט, און ניט געקוקט האָבען די שטאַרע אויגען, וואס שרעקען מיך. עפּעס האָב איך ציטעריג געוואַרט אָט קומט דאס גליק. ענדליך אַנטשלאָפען געוואָרען.

עס האָט זיך גע׳חלום׳ט נאָכאַנאַנד. וואס — געדענק איך נישט. נאָר דאָס איז מיר געבליבען אין זכרון: מענשען אין א הויז, א געלויף, אלע שטופען זיך. פלוצלונג פאלט אלץ איין — ווענד, דילען. נאָר איך ווער ניצול. כ׳ווייס נית. ווי אזוי דאָס איז געשעהן. אבער פול פערוואונדערונג בין איך.

וואָס בעטייט דער חלום?

17 אויגוסט.

יא, כ'בין געווען גאָר נאָהענט צו היסטעריע. דאָס האָט געדויערט אפשר נאָר א פּאָר מינוט. איך האָב זיך געפיהלט בעליידיגט, וואס ווייטער — אלץ שטארקער דאָס געפיהל. עפּעס שטיקט אין האַלז, אבער ווי נאָר אינ'ם בע־וואוסטזיין האָט א שיין געטהון: היסטעריע, איז געוואָרען לייכט און גוט. כ'האָב זיך בעפרייט.

ווי זאָל איך פערשטעהן דעם ווידערשפּרוך? איך וויל היסטעריע — זאָלען מענשען וויסען! איך וויל ניט היסטע־ריע: כ'ווייס, ס'איז אַן אומווירדיקייט. היסטעריש זיין הייסט לייקענען אין דער אייגענער נשמה, און מיט מענשען, כלומר'שט ווי מיט זיך זיין. אָבער דאָס וואָרט ווירקט אויפ'ן בלינדען, סטיבישען אין מיין פּסיכיק, ווי א שפּרוך אויף א שד.

משה וואַרשע

20 אויגוסט.

איך האָב א טענדענץ צו ליגען, און יעדע פאָרם, אין וועלכער די טענדענץ ענטפּלעקט זיך, איז פערבונדען מיט עפּעס נידריגס. און כ'האָב זיך פערזאָגט: מען טאָר ניט ליגען.

שוין א פאָר טעג, ווי איך האָב ניט בעגעגענט קיין מענשען. אלץ פערטיפט זיך אין מיין פסיכיק, און געזוכט געזעצען פאר זיך. ס'איז געווען כמעט גוט; שוואכער געוואָרען איז דאס שטענדיגע געפיהל, אז איך בין אין עצם עפּעס אומריינס. היינט, צווישען מענשען, איז מיר געווען ווידער ווי אלע מאָל. וואס איז דאס? וואו זענען זיי, מיינע געזעצען? אין דער היץ פון שמועס פערליר איך זיך, און אלע מיינע בעשלוסען פאלען אין דער ערד אריין. אנשווייגען געוואָרען אויף א רגע — איין רגע, און ס'ווערט שלעכט אין מויל. און איך קריך אלץ ווייטער, און פערקריך.

אלץ, וואס א מענש טהוט, בלייבט אין זיין לעבען. דאס וואס דו האָסט געטהון אדער איבערוואונדען, איז דיין מזל. דאָס לעבען איז ניט א שול-העפט, מיט איינעלנע גרייזען פערמעקטע — צוזאמען מיט דעם לעהרער'ס צייכענס צו ווייזען טאטע-מאמען ריינע איבונגען — אָהן גרייזען. דאָס לעבען איז אויך ניט קיין שפּאצירגאנג אויפ'ן זאמדיגען

ברעג: שרייבסט מיט'ן שטעקעל כל המיני נאַרישקייטען, פערמעקסט זיי און שרייבסט אויף אַנדערע נאַרישקייטען, אָדער חכמות — זאָל זיין. וואס דו האָסט געטהון איז געטהון, און דאָס געשעהענע איז געשעהן. אָבער איך האָב ניט קיין עהרפורכט פאר'ן געטהוענעם און געשעהענעם. דאָס איז דער עצם פון ליגען.

שרעקען שרעקט מען זיך פאר דעם אונפערמיידליכען. ליגען וויים ניט פון שרעק, פאר'ן ליגנערישען איז ניטאָ קיין אונפערמיידליכעס. ווייס איך, וואס דאס שרעקליכע וואָרט בעטייט? דאָס אונפערמיידליכע!

ליגען קען שטענדיג פערמיידען, מאַכען עפּעס ווי ס'וואָלט ניט געווען.

ליגען וויים ניט פון קיין פעראַנטוואָרטליכקייט — פעראַנטוואָרטליך איז מען פאר עפּעס, וואס איז, בלייבט, טהוט ניט אָב פון דיר קיין אויג. קוקסט זאָגענדיג: יאָ, איך האָב דאס בלוט פערגאָסען, אויף מיין קאָפּ איז די זינד, געבענשט זיי, פיין. קום, אין מיין הארצען האָב איך דיר אַ נעסט געבויט, קום.

אָבער ווי איז, אז דו ווייסט אַ פּאָקום: איינס, צוויי, דריי — און פערשוואונדען איז אַלץ, וואָס דו האָסט געטהון און פערבראָכען. ס'איז ביז עקעל מיאוס, איינס — צוויי — דריי, און שמייכלענדיג שטעהט פאר דיר עפּעס, וואס איז מלא חן. פאר דיר? ליגען לייקענט אין נשמה.

א טיעפער ברונען איז די נשמה — דאס גוטע און בעזע, אלץ, אלץ פאלט אראָב אין די טיפענישען איהרע, און בלייבט, און טהוט דאָרט אין געהיים עפּעס געהיימעס. מען

קען ניט אבלייקענען עפּעס, וואָס איז אין יענער טיעף, קומען וועט א בת־קול און דערצעהלען: ס'איז ליגען. אין שווע־רער פּיין קענסט דו צעשטערען דאָס, וואָס איז אין דער נשמה, אבער ניט נאַאיוו — לייכטזיניג לייקענען. דער לי־גען לייקענט אין נשמה, זיינע ריכטער זענען פרעמדע, אנ־דערע, זיין גנאָד זוכט ער אין יענעמס אויגען. און יענער איז א פרעמדער דיר, און דו ביזט גלייכגילטיג צו איהם. אַנשטאָט בעהעפטונג פון נשמות — זנות. אַנשטאָט א מיס־טעריום — א שמוציגע פּאַראָדיע. ליגען איז זנות.

בין איך אין עצם ליגנעריש? צי האָב איך אַן עצם? פארהאַן מאָמענטען, ווען איך בין כלו ליגנעריש. הייליג וויל איך זיין, אין אומווירדיקייט לעב איך. א רעכט צו טראַכטען וועגען א הייליגען לעבען האָט נאָר דער מענש, וואָס קען איבער זיך זיין געזעץ אויפהענגען, און זיין אייגע־נער ריכטער און שטראָפער זיין.

צי קען איך ניט ניט לייגען? איך מוז קענען, איך וויל ניט זיין א נידריגע, ליגנערישע בריאה. איך וויל זיין א וואָהר־האַפטיגער, פעראַנטוואָרטליכער מענש, דאָס נידריגע אין מיר מוז איך טויטען — אָדער זיך טויטען. לעבען האָט א רעכט נור דער, וואָס קען שטאַרבען, ווען קיין אנדער וועג איז ניטאָ. איז פאַר מיר קיין אנדער וועג ניטאָ?

21 אויגוסט.

איך בין אונמאָראַליש אין עצם. א גוטער סימן דאָס, וואס איך האָב קיין זכרון ניט. דער מאָראַלישער כאַראַקטער געדענקט אַלץ, און אדער ער שעהמט זיך ניט, קען אָהן עקעל קוקען אויף זיך, קען זיך אכטען, אדער מיט זיין שאַנדע און עקעל טהוט ער עפּעס, אז זיי זאָלען פערשווינדען. דאָס איז שווער, און טהוט וועה. ער טויט עס. זיין שאַנדע, עקעל טויט ער.

איך פערגעס אַלע, אַלץ.

האָב איך ניט פערגעסען דעם גוטען, נאאיווען חבר מיינעם ר.? אונקלאָר זעה איך עפּעס א פּנים, אָבער איהם? לעבסט דו און — דערמאָנסט זיך אפשר אָן מיר מיט רחמנות, און פול ליעבע? איך בין דאַנקבאַר — כ'האָב פערגעסען. דו ביזט פון די אונשולדיגע און לייכטגלויביגע, און איך לאָז דעם קאָפּ אראָב, ווער רויט, זאָג עפּעס שטיי לערהייט — טרייסט דו מיך. שטילע, מילדע ווערטער. מעג מען טרייסט ווערטער פערגעסען? איך האָב זיי, און אַלץ פערגעסען. און וואָס מאָהנט פון מיר א. ב. — דער לעבעדיגער, אָדער טויטער?

איך בין אונמאָראַליש. שרעק איך זיך, שעהם איך זיך? וואס האָב איך זיך צו שרעקען, אז כ'ווייס שוין זיכער

דעם ענטפער, אדער ריכטיגער, אז איך ווייס, דאס ענטפערען וועל איך קיינמאל נישט, און אלץ ווארטען. איך ווייס ניט פון קיין שאנדע. א ברענענדיגער קין־צייכען! כ׳זעה, מען קען לעבען רוהיג מיט׳ן קין־צייכען.

איך לעב אין אומווירדיקייט, און יעדע רגע פון מיין לעבען איז א לעסטערונג. איין פרומע רגע נאר איז מיר בעשערט: די רגע פון פרייען טויט — וויל איך זי ניט. מיר איז אזוי גוט.

דאס איז אויך דעקלאמאציע. וואס גאה איך ניט? בין איך דערגאנגען צום בעוואוסטזיין פון מיין אונמאראליש־קייט, נידריגקייט — פארוואס גאה איך ניט?

22 אויגוסט.

פאַראַן אַ העכערע מאָראַל, און אַ נידריגערע, איינע — די מאָראַל פון לעבען, די אַנדערע — פון מאָנאַסטיר.

אַ מענש לעבט מיט אַלע, אין זינד, און איז די זינד גובר. יעדע רגע איז אַ נסיון — ער שטעהט איהם ביי. אַרום איהם — שרעק, בעז, פּיינען און נידריקייט — ער נעהמט דאָס אַלץ אויף זיך. דאָס איז זיין זינד, און זי קויפט ער אויס. אַזאַ לעבען איז אַן אמת מענשליך לעבען.

פאַראַן אַנדערע מענשען, וואָס זענען צו שוואַך אַנטקעגען די נסיונות, צו שוואַך צו נעהמען אויף זיך דאָס בעז פון דער וועלט, און אינ'ם בעז אַ הייליגען לעבען. זיי געהען אוועק פון מענשען: אינ'ם לעבען איז מען גובר די זינד, אויף יענער זייט לעבען האָט מען פאַר דער זינד — מורא, היט מען זיך פאַר איהר. די שוואַכע בויען פעסטע, ניט־דורכזיכטיגע ווענד, פערקלאַפּען טהיר און לאָדען, ניט דער־גרייכען זאָל צו זיי די זינד. עס דוכט זיך זיי, אין די קלויסטער־ווענד, און ניט נאָר זיי, אויך אַנדערע, זייטיגע, אַז זיי זענען אויף אַ העכערער מדרגה. דאָס איז ניט אמת. אמת איז, אַז זיי זענען אויף אַ נידריגערער מדרגה. אָבער אַ מדרגה איז דאָס. יעדעס לעבען האָט זיך זיין הימעל. ניט יעדער איז זוכה.

משה װאַרשע

אפשר איז דאָס העכסטע, צו װאָס איך קען זיך דער־הױבען — כ׳זאָל ניט זינדיגען? אמת, דער װאָס זינדיגט ניט — זינדיגט. זײן פּאַסיװ איז דאָס שװערסטע פערברע־כען. נאָר אפשר איז דאָס — מײן מזל? און מײן טעות איז, װאָס איך רײס זיך צו אַנ׳אַנדער הימעל, װאָס איז מיר ניט בעשערט?..

23 אויגוסט.

אין מיר איז פאַרהאַן זעהר פיעל קליינליכע בעזקייט. איך שטיק דאָס, און דאס שטיקט מיך. פון צייט צו צייט רייסט זי זיך ארויס. פון צייט צו צייט נאָר? וואס איז דאָס וואס איך רעד, אז ניט מיין פערשטיקטע בעזקייט, וואס האָט זיך צופיהרט די געבונדענע הענד? און וואס איז מיין עקעל צו זיך — ניט די שלאַנג, וואס שטעכט אריין איהר גיפט אין זיך אליין? וואו נעהם איך דעם מוט צו משפט'ען אַלעמען און אַלץ, אַז שוין נגזר געוואָרען איז אַלץ פון פריהער אין יענע טונקלע בעהעלטענישען, וואו איינגעקאָרטשעט האָט זיך מיין בעזקייט. זי בעהאַלט זיך פאר מיין טוגענד. אינ'ם נעבעל פון א פיקציע, אַז זי איז ניט־בעזקייט, אַז זי איז ני־טאָ, האָט זי זיך פערגראָבען און לאַכט פון מיין טוגענד.

ניין, ניט פרואווען דערשטיקען איהר, פארקעהרט — דאס רייצט איהר, דאס נעהרט איהר. טויטען דארף מען זי. א פיינע מליצה! ווי טויט מען זי? דיר דוכט זיך, אז דו האָסט זי געטויט. און דו האָסט איהר גאָר ניט מעהר ווי פערטריבען אויף א ווייַלע, באַלד וועט זי קומען — די גע־שיקטע און פלינקע, און נאָגען. כלומר'שט פערשווינדען, און ווידער קומען. אהן א סוף.

ס'איז ניט אמת, אז איך האָב עמיצען, עפעם ליעב. איך

האָב נאָר רחמנות. בעזקייט האָט ניט ליעב, זאָגט זיך ניט: יאָ. בעזקייט קען רחמנות האָבען, און מיט ביטערע טרע־רען דעם אייגענעם — פערשאָלטענעם מזל בעוויינען. מיר קענען זיך ניט בעציהען צו דער וועלט אַנדערש, ווי צו זיך. וואס איז די וועלט? צווישען מיינעם און דער וועלט שטעה א י ך. אַלץ שאַף איך איבער אין זיין געשטאַלט און פורעם. אונזער וועלט זעהט אויס, ווי מיר אליין. בעזקייט, קליינ־ליכקייט, מיזאנטראָפּיע, דעמאָניזם, פעסימיזם — איז דאָס אַלץ ניט ענג פערבונדען?

ווי קומט דאס? נאָך גאָר ניט לאַנג האָב איך אַלץ גע־טראַכט וועגען מאָראַלישער זעלבסט־פּערפאָלקאָמנונג, און איצט איז קיין זכר ניט געבליבען אין מיר פון די אַלע בעשלו־סען און געדאנקען. האָב איך שוין פערענדיגט מיין קרייז? תשובה, האָפנונג, גנאָד, און — קאָשמאַר. איך גלויב ניט זיך, מוז איך גלייבען אין דער כשוף־ווירקונג פון׳ם בעוואוסט־זיין. איצט זאָג איך: כשוף, אַמאָל פלעג איך זאָגען: נס.

און גלויב איך ניט זיך, און ניט מיין בעוואוסטזיין, וואס זאל איך טהון? קומט ביי נאַכט עמיץ, קוקט אויף מיר, איך ווער פערשטאַרט פון שרעק, קען זיך ניט ריהרען, עמיץ טרעט מיט א שווערען פוס אויף מיין ברוסט — איך שריי — דאס געשריי בעפרייט. איך כאַפּ זיך אויף.

אָבער פאַרוואָס שריי איך ניט אויפ׳ן וואָהר? ניט איך שריי, ניט איך וויין.

איך בין א פערשאָלטענער.

25 אויגוסט.

ניטאָ פאַר מיר קיינע שטימונגען. שטימונגען זענען ליגען. ניין, זיי זענען אמת, מיין אמת, נאָר איך וויל איהם ניט. אויפ'ן גאַס איז אומעטיג. שוין הערבסט — עפּעס פערגעהט. צוגעהערט זיך צו זיך — עפּעס נאָגט, אַ פּיזיש געפיהל, אַז אונגויטיג זענען מיינע טעג — אונגויטיג — אונ־גויטיג — אונגויטיג.

האָט מען אַזאַ געפיהל, קען מען שטאַרבען, אפשר דאַרף מען, אבער לעבען קען מען ניט. איך האָב אַ גרויסען חשק צו לעבען אינ'ם זכות פון דעם געפיהל. דאס איז מיאוס, אַ ליגען. אבער אין מיר איז דאָס, איך קען דאס פון מיין הארצען ניט אַרויסרייסען. דאָס איז ניט קיין ליגען, דאָס איז מיין אמת. אַ שוין־לאַנג־געשטאַרבענער, וואס לעבט — ווי קען זיין לעבען ניט זיין אַ ליגען? איך מוז זיך דעמו־טיגען, ניט קלאָגען זיך. און ניט חלום'ען, וואס וואָלט גע־ווען, ווען — — — — — — — — — — — — — — — — — —
איז גאָט אַן אכזר! ווילסט און קענסט זיך טרייסטען — טרייסט זיך! אבער קיין טרייסט איז ניטאָ. צוויי מאָל בליהט ניט דאָס זעלבע ליעד, און וויפיעל זאָלסט ניט יאָמערן, איך האָב מיין ליעד פאַר'ן בליהען געטויט — קיינער וועט ניט הערען. טויט איז דאָס, און קיין רעטונג איז ניטאָ.

משה ווארשע

27 אויגוסט.

שוואך בין איך, און מיין לעבען איז אונגוויטיג. אבער איך וויל גלויבען: אויך מיך ווארט ארבייט, אמת שווארצע, אָבער — ארבייט פאר דער אידישער קולטור. איך וועל זי טהון, אין איהר לעבען. זאל יעדע רגע שטעהן פאר מיר די פראגע: וואס טהוסט דו איצט, די רגע, שטארק צו ווערען פאר דיין ארבייט?

איך וועל ניט זיין פון די שאפענדע — דאס וויל איך ניט. איך בין א נעסט פון קראנקהייטען, מיאוסקייטען. דאס וואס איז מיינס, אייגענעס, פערזענליכעס, קען נאר פערגיפטען. דאס אלץ וועט פערגעהן — געלויבט איז גאָט! אבער אויך מצורעים האָבען געקענט בויען — פיראמידען. פון דער מיאוס'ער נשמה, פוילענדע גלידער איז געווארען ציגעל, וואס זענען פעסט און דורות־אלט.

זאָל מיין תפלה זיין: גאָט, איך בין א מצורע — זאל מיר בעשערט ווערען א קנעכט צו זיין!

מיין תפלה און מיין לעבען זאל דאס זיין!

29 אויגוסט.

איך בין פּעסימיסטיש, דאָס איז עפּעס אין תוך נידריגס — מען טאָר ניט זיין פּעסימיסטיש; נאָר נידריגע נאַטורען ווייסען ניט פון קיין פרייד.

איז ניט יעדער פּעסימיזם געבונדען מיט עגאָצענטריזם? צו וואָס דאַרף איך עס, וואָס וויל איך דערפון האָבען — פרעג איך נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל. איך בין עגאָצענטריש.

כ'האָב געזאגט זיך: ווער א קנעכט — דיען דער צורקונפטיגער אידישער פּערזענליכקייט. פאר וואָס האָט דאָס וואָרט ניט העל בעלויכטען מיין גרוי לעבען? איך גלויב ניט. יא. אבער איך וויל אויך ניט. נאָר אין געבירען, און אינ'ם ווילען צו געבירען איז צניעות, אָל דאָס איבריגע איז זנות. דער ווילען צו זיין א קנעכט איז אן אונמאָראלישער ווילען. אמת. אבער איז דען ניט מיין גאַנץ לעבען — אונמאָראליש?

איז איינער אונפּרוכטבאַר, און האָט דאס בעוואוסטזיין פון זיין אונפּרוכטבאַרקייט — איז דאס א שווערע זינד, און א גרויסער אומגליק. נאָר באַרמהערציג איז גאָט, און גרויס איז זיין גנאָד. די זון שיינט פאר דעם הייליגען און רשע.

עפּעס ווארט אויף איהם, וואס ווארט אויף גארנישט — וואס וועט ניט געבירען. קלייבען טאָר מען ניט. דאס לעבעז איז ניט קיין מארק — צום דינגען זיך. שטיל און דעמוטיג ווארט, גרייט זיך, דו אומווירדיגער, לייטער זיך! אין זינד ביסט דו, סיי דו ווארטסט, סיי דו ווארטסט שוין ניט. אין זינד — ווען קומען וועט צו דיר דאָס אונפערדינט גליק. קויף אוים דיין זינד!

את הטוב נקבל מאת האלהים ואת הרע לא נקבל?
אשרי אנוש יוכיחנו אלה, ומוסר שדי אל תמאס.

טאָגבוך

1 סעפּטעמבער.

ס׳איז הערבסט.

שווערע טראָפּענס קאַפּען טרויריג — ס׳דוכט זיך, רעגנען וועט שוין אייביג.

דאָס איז סענטימענטען. ניטאָ קיין הערבסט — פאַר מיר. איך וויל ניט. איך דאַרף טהון שווערע אַרבייט צו פערהיטען, צו פערשטאַרקען מיין נשמה.

שווערע אַרבייט? מליצה. איך טהו גאָר ניט. ניט קיין שווערע, און ניט קיין לייכטע אַרבייט. איך ערציה זיך ניט בעוואוסטזיניג. איינזאַם זענען מיינע רגע׳ס, און אָהן א זין. גאָרנישט פערבינדט זיי, און ניט בעלויכטען זענען זיי פונ׳ם ציעל. איך גלויב ניט אין מיין ציעל. אבער איך וויל איהם, וויל דעם גלויבען אין איהם. זאָלען מיינע רגע׳ס זיין: אַרבייט און תפלה!

גאָט, בעשער מיר צו גלויבען!

משה ווארשע

2 סעפטעמבער.

א דויערנדע עבבע.

אַלץ דרעהט זיך ארום דעם איינעם: ווי קען מען לעבען אויף דעם אייגענעם קבר?

מ'קען ניט צורייסען די קייטען פון זינד, דעם וועג צו־ריק פערוועהט האַט א ווינד, — האָב איך מיר צוגעזוגגען. דאס איז געווען מיט צוויי יאהר צוריק, פסח־צייט. כ'בין ארומגענאנגען אין די גאסען און דעקלאמירט. עפּעס האָט געוויינט מיין הארץ, איצט — ניט. איז דאָך גוט? און מיר איז ניט גוט. וואס הייסט דאָס?

איך בין פויל. טהון קען איך נאָר מעכאַנישע ארבייט. ליגען. א מענש קען טהון אלץ, וואס ער וויל! איך וויל גאַרנישט. אבער איך שרעק זיך פאר'ן גורל פונ'ם מענשען, וואָס וויל גארנישט.

5 סעפּטעמבער.

פאַרהאַן צייטען, ווען איך לעב גאָר אָהן בעוואוסטזיין, צייטען, ווען איך לעב כמעט אהן יעדער פּסיכיק. איך ווע־געטיר. כ'הער זיך צו צו מיר, און אויסער א שוואכען גע־פיהל פון איבעלקייט איז גארנישט. מיר איז כמעט גוט.

איך מוז פיעל ארבייטען.

דאָס איז א געפעהרליכע צייט פאר מיר. סיזיף'ס שטיין געהט בארג אראָב.

משה ווארשע

6 סעפּטעמבער.

אָהן אויפהער דאַרף איך זיך אנשטרענגען צו פּיהלען אין זיך וועלכע ניט איז איינהייט. און לאָז איך זיך אָב, טראָגען זאָל מיך דער שטראָם, בין איך נאָהענט צו משוגעת. עפּעס בילדער, זכרונות, פּנים׳ער געהען פאַרביי און פאַרגעהען.

אָהן בעוואוסטזיין קען לעבען דער מענש, וואס האָט געזונדע אינסטינקטען און א שטאַרקע דיסציפּלין פון גוטע געוואונהייטען. מיינע אינסטינקטען זענען אדער טויט, אדער פערוועלקט. געוואוינהייטען האָב איך כמעט ניט, אָדער אַזעלכע, וואָס מען דאַרף זיי אַוועקוואַרפען. וואָס בין איך, אַלזאָ, אהן בעוואוסטזיין? א קאָנגלאָמעראַט פון בילדער און רעאַקציעס. שטילער אידיאָטיזם. כ׳בין בלומרשט טיף פערטראַכט — אין דער אמת׳ען פערגאַפּעט. מיך פערהיט נאָך דער פונק ווידערשטאַנד, וואָס איך בעווייז. אבער וואס וועט זיין שפּעטער? א שאָטען־טאַנץ, א שטילער — אהן א סוף.

עס איז מעגליך, אז ס׳איז פאַרהאַן אזא משוגעת, וואס מען פּיהלט איהר קומען. מען דאַרף זיך היטען, ניט צו־שטרייט זיין. יעדע צושטרייטקייט איז א מאָמענט פון צו־פאַלען און צושטויבט ווערען. ראַטעווען קען נאָר אנשטרענ־

גונג, נאר קאָנצענטראַציע. אבער דאס איז צו אבסטראקט — איך דארף האָבען א דיסציפּלין, א בעשטימטע, א פעסטע, א קאָנקרעטע...

נאָר געארבייט — און וואס ווענינגער פערשיעדענאַר־טיגקייט, פיעלפארביגקייט. אינ׳ם פיעלפארביגען צוגעה איך, ווער איך פערשוואומען. איך דארף עפּעס, וואס זאל מיך בינדען. רעדט מען צו מיר — דארף איך הערען, זיך צווינגען צו הערען. און טראַכט איך — דארף איך טראַכטען שטרענג, ביז׳ן סוף, און פערטרייבען די בילדער, וואס לאָ־זען מיך ניט צו רוה.

7 סעפּטעמבער.

לעבען סטאָאיש — קען איך ניט. איך האָב געװאָר־פען שױן א קוק אהין, אויף יענער זייט.

זיי זאגען, די סטאָאיקער: אַלץ פערגעהט — װאַרט שטילערהייט, און ניט טומעל. קענסט ניט שװייגען — טאָ פערלאָז דאס פערדרויכערטע צימער, און ניט שעלט, און ניט מאַן גארנישט ביי די געטער. זיי װייסען, װאס זיי טהוען. איך קען ניט לעבען, רוהיג װאַרטענדיג ביז קומען װעט דער טויט. איך װייס, אז דאס איז די פילאָסאָפיע פון רוה, די פילאָסאָפיע פון מידע, פון אינװאַלידען. בין איך ניט טויט־מיד? װער שטעהט עס אויפ׳ן שװעל מיינעם — ניט דער טויט? ער — נאָר ער. אַלדאָס איבריגע איז רייד. דארפען טרייסטען, און טרייסטען ניט. פארװאָס־זשע בויג איך ניט מיין קאָפּ, מיין ניט־שטאָלצען קאָפּ?

יא, איך בין ניט שטאָלץ — כ׳בין נאָר אייטעל. איך װיל טומעל, ראָל. איך װיל ניט אָננעהמען דעם אמת פון מיין לעבען — ער איז ניט עפעקטפול. א שטילער אמת אין שװאַרצען! און איך װיל גלעקלעך, גלאַנץ און פּראַכט, און מענשענ׳ס לויב.

גאָט איז אזוי באַרמהערציג. איז ניטאָ אויף גאָט׳ס װעלט — דער מיט זון בעגאָסענער װעלט — ערגעץ װאו א

טאָגבוך

טונקעל שטעגעל פאַר אונז, מידע, טויט־מידע, צום טויט־פער׳משפט׳ע איינזאמע? שטילערהייט, קוים זעהענדיג, שעמענדיג זיך איינער פאַר׳ן אַנדערען, וועלען זיי אַרומגעהן דאָרט מיט געבויגענע קעפּ און וואַקעלדיגע טריט און שטיל וואַרטען אויפ׳ן גוטען, ווייסען מלאך פון טויט.

משה ווארשע

15 סעפטעמבער.

שוין לאנג ניט אָנגעריהרט דאָס טאָגבוך — ניט גע־טראכט גארנישט. פארוואָס? זענען דאס אויסערליכע סבות? פארוואָס לאָז איך זיך פורעמען פונ׳ם אויסער־ליכען?

איך דארף זיך אליין פון אינוויינינג פורעמען.

בענגעגנט היינט א וועלט מיט מענשען. געשמועסט און צוגעהערט זיך. אלע זענען משוגע. אלע זענען משוגע.

און איך?

29 סעפּטעמבער.

וואָס איז דאָס? וואָס טראַכט איך נישט? בין איך איצט ניט מעהר ווי א נעסט פון קליינליכע געדאַנקען? איך שטיק זיי — זיי קומען אָהן אויפהער. און אין מויל איז ניט גוט. ניטא קיין אונמיטעלבארקייט, קיין פרישקייט. איך האַלט אין איין איבערזאָגען זיך — און דער עיקר אנדערע — שוין לאנג געטראַכטע געדאַנקען.

איז דאס מיין מזל — לעבען נאָר רגע'ווייז, און דאס גאַנצע לעבען קוים דערמאָנען און בעדויערן?

אַ מענש דאַרף לעבען מיט מענשען. איך — אין דער איינזאַמקייט. צווישען מיר און אנדערע ווערט גאַרניט גע־באָרען. איז דאָס זנות — לאַנגווייליגע, נודנע. איך טאָר ניט — קען ניט — לעבען מיט מענשען, און לעב דאָך. ס'איז אַ זינד. נעהמט זי נקמה פון מיר. יעדע זינד איז זיך נוקם.

וואס טהוט מען, אז מען מוז לעבען מיט מענשען? וואס איך זאָל ניט טהון — דער עפעקט איז דערזעלבער: אַ שלעכטער ריח, איבעלקייט, פערטעמפּונג. מיר איז שלעכט מיט זיך; געה איך צו מענשען. אבער מעג מען זיך רייבען איינער אָן אנדערען? דאס איז אַ מיאוסקייט. מעג מען לעבען אין זנות, אהן פרייד?

משה וואַרשע

וואָס וויל איך? זאָג איך ניט דאָס, וואָס קען ניט זיין? מענשליכע בעציהונגען זענען אָדער א מיסטעריום, אָדער זנות. א י ך לעב אין זנות...

8 אָקטאָבער.

צוויי וואָכען.

איך לעב אָהן בעוואוסטזיין. מיר איז כמעט גוט. נאָר עפּעס פעהלט. וואס? איך טהו מיאוס'ע זאכען, פול בין איך מיט קליינליכקייט און בעזקייט, און פון צייט צו צייט שפּרינגט דאָס ארוים פונ'ם בעהעלטעניש.

איך בין זעהר שוואַך. די מינדסטע ענדערונג אין מיין לעבען טוט מיין בעוואוסטזיין, איך ווער עפּעס ווי שכור, גאָר אָהן ווילען. כ'האָב קאַפּריזען אָנשטאָט ווילען.

אויף מיין קינפטיגען לעבען וועלען ווירקען אויך די איצטיגע רגע'ס. וואס טהו איך? לייען ביכלעך. דאס איז שלעכט; אבער דאס איז נאָך דאס בעסטע. דרעה איך זיך ניט ארום, ווי א שלעכט־ארבייטענדער מעכאַניזם? איך ווער אידיאָטיש; מיינע רייד — אָהן פּסיכיק. טראַכטען קען איך נישט — באלד טאַנצען ארוים כל־המיני בילדער, טשעפּען זיך, און טרעטען ניט אָב. איך בין כלומרשט גלייכ־גילטיג צו מענשען. א ליגען. ניט איך וויל זיין גלייכגיל־טיג. דאָס וויל גאָרנישט מיין אַפּאַטיע, מיין טויטער ווילען.

און פאַרוואָס שרעק איך זיך ניט פאר גארנישט, און שעהם זיך גארניט? רעד איך דאס אלץ וועגען מיר — און ניט וועגען א ווייטען, וואָס איז מיר ניט נוגע? איך בין א

נעסט פון קראַנקהייטען און מיאוסקייטען — װאָס שרעק איך זיך נישט? אַהן שרעק בין איך, װײַל רוהיג איז, און בערוהיגט — משוגעת. אַלץ לײַזט זי, פון אַלץ בעפרײַט זי. זי גלעט, און פערוויגט, ווי א גוטע מוטער. ניין, ס'איז ניט דאָס. מיר איז ניט לײַכט, איך בין ניט א בעפרײַטער. גי־בער איז דאָס א דוויערנדע שכרות.

שרעקען שרעקט זיך אַן אינדיווידואַליטעט — פאַר צו־פאַלונג: דאַרף איך זיך ניט שרעקען. כ'בין ניט. פאַר מיר זענען ניטאָ קיינע געפאַהרען. איך בין זאַרגלאָז, ווי דער פראָש מיט'ן אַרויסגענומענעם מאַרך.

זאָג איך זיך: דאָס זענען סימפּטאָמען פון קראַנק־הייט. דו ביסט קראַנק — הייל זיך, און ניט חקירה. דאַרף זיך יעדער קראַנקער היילען? יא. אָדער שטאַרבען. קראַנ־קע פערשוועכען דאָס לעבען. זייער פסיכיק איז פוילניש.

דאָס איז אַלץ געווען. עמיץ האָט מיך אין א קרייז פערשלאָסען. האָב איך אַליין דעם קרייז זיך אַנגעמאַלען, און מאָל איהם?

29 אָקטאָבער.

ווידער צוויי וואָכען פערגאַנגען. פאַרוואַס צוריים איך ניט דעם כשוף־קרייז? איז מיר בעשערט נאָר מורמלען מיין גאַנצען לעבען אויף מיין מזל? ניטאָ קיין בעשערט. ניטאָ קיין מזל. לעבעדיגע מענשען בעשערען זיך אליין זייער מזל. טויטע מאַטעריע האָט א מזל.

לעבען, בעוואוסטזיין פאָלגט אויף דעם אָבוועזענדען. ניין! קודם כל פאָלגט עס דעם אָבוועזענדען, דען נאָר דאָס אבוועזענדע, דאס קינפטיגע קענסט דו ארגאניזירען און בעהערשען. טויטע מאַטעריע פאָלגט נאר דעם אנוועזענדען, זי וויים ניט פונ'ם אָבוועזענדען. דער אמת, און די פּאָזע, פונ'ם מענשען־מאָדערן איז, וואס ער איז צו דער מדרגה פון טויטער מאַטעריע דערגאַנגען! טויטע מאַטעריע טהוט גאָרניט, וויים ניט פון קיין שוועריקייטען, איז קיינמאָל ניט שולדיג. עמיץ טהוט מיט איהר, עמיץ איז שולדיג. טויטע מאַטעריע איז אינערט.

איך טהו גאָרניט, מייד אוים יעדע שוועריקייט — בין קיינמאָל ניט שולדיג. איך בין אינערט. איך וויל ניט, און טאָר ניט זיין, אינערט. שרייען גוואַלד? ניין, איך טאָר ניט. איך דארף ט ה ו ן. זאָל דאָס טאָגבוך מיר א דערמאָנונג און א וואָרנונג זיין!

משה ווארשע

30 אָקטאָבער.

מיין עמפפינדליכקייט איז מיין שונא.
איך בין א בינטעל קראנקע נערוועז, וואס רעאגירט אויף עמפפינדונגען.

6 נאָוועמבער.

איך וויל ניט חלומ'ען אויף דער וואָך. דעם ליגענ'ס אמת איז דער חלום. אין חלום איז אַלץ פאַרטיג, געטהון. אבער אין א סביבה, וואס בעווייזט דיר ניט קיין ווידערשטאַנד. מיך ציהט צום חלום. דער בעסטער בעוויז, אז איך בין כלו ליגען.

כלו ליגען? איך ווייס ניט. אבער איך וויל זיין אמת. זיין מוז ער, דער אמת, ניט וואו מען רעדט און טראַכט ויעגען ליגען און אמת, זינד און זין. דער אמת איז אין דער אַרבייט, אין רייד און געדאנקען וועגעי אַרעו, האַבע״, מאַשין, שכירות. די אורזינד, דער מקור פון ליגען איז, ווייזט אויס, דאס לעבען און פסיכיק פון א פאַראַזיט. מוז מען דעם אמת שאַפען, ז י ך שאַפען — וואס־זשע איז דער פאַראַזיט, אז ניט א ליגען? כאַפּט ער דאַך ברעקלעך פון אלע טישען, און א קללה איז אויף זיין קאָפּ. ער שרעקט זיך פאַר'ן פיין פון — געבירען.

19 דעצעמבער.

וואס איז מיט מיר ניט געשעהן פאר דער צייט? איי־
גענטליך, גארנישט. נאר א שטיקענדיגער און שטיקענדיגער
נעבעל פערהילט אלץ. איז דאס געווען אונערווארטעט?
האט דאס מיך דערשראקען? איז דאס מיך פלוצלונג בע־
פאלען?

דאס איז געווען.

א שטראם, וואס פערגיסט מיך, און איך גיב זיך
איהם אב.

וואס וועט זיין דער סוף? וואס וועט זיין דער סוף?

2 יאַנואַר, 1912.

19 דעצעמבער — 2 יאַנואַר.
אַ ניי יאָהר. סימוואָלישע דאַטען.
היגיענע: שווייגען. ניט ריידען און ניט טראַכטען.
אַלץ איז דעקלאַמאַציע.
לערנען, ארומגעהן, געדענקען!..

28 פּעברואַר.

ווער ווייס? אפשר איז דאס אַלץ צום גוטען? את אשר יאהב ה׳ יוכיח, מעג איך מורמלען? מעג מען מורמ־לען?

וואס איז דער זין? פרעג איך. קיין בעשייד איז ני־טאָ, מען דאַרף ניט קיין בעשייד. בויג דעם קאָפּ, און שווייג, און אין האַרצען בענש!

12 אַפּריל.

בויג איך דעם קאָפּ, שוויג איך, בענש איך? און טהו איך דען פערקעהרט — הויב דעם קאָפּ, רייד, שעלט?
ניין, ניט דאָס.
איך האָב א געפיהל, אז איך לעב, און ווע̇ל לעבען, כאָטש איך טאָר ניט, אז ניטא קיין כח צו פערמיידען די שטראָף, און ניטא קיין כח צו טראָגען זי. דאָס איז א חשק זיך איינקאָרטשען, איינשרומפּען — און אן עקעל דערצו —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אָהן דאַטום.

Hypochondriasis
Hysteria
Melancholia — Folia Circularia
Hebephrenia

פּערזען

אויפ'ן קבר פון מיין נשמה האָב איך אַ געצעלט געבויט,
דאָרטען וואוין איך איצט — פון נויט.

משה וואַרשע

כ׳בין אויף וועגן אומגעגאַנגען
און געזוכט צו דיר דעם וועג,
האָט אַ נעבעל מיך געפאַנגען
אין די גרוי בעשפינטע טעג.
און מיין האַרץ האָט זיך געריסען
צו דיין פלאַמענדיגען קוואַל,
צו דער נאַכט האָט צוגעשמידט מיך
דער לבנה׳ס בלייכער שטראַל.

נעבעל גרויע טעג, לבנה בלייכע נעכט,
אייך צופוסענס ליגט אַ לעבען איצט פערשוועכט.

פערזען

כ׳האָב געשפּאַנט אין מיין צימער ביז שפּעט אין דער נאַכט,
ברייט געעפענט די אויגען, געקוקט און געטראַכט.
עס האָט עמיץ פון פלאַמיגען גליק וואו געזונגען,
און עכאָ האָט וויינענדיג שטיל אָבגעקלונגען.
עס האָט ליעדער פון טויט עמיץ לאַנג־לאַנג געצויגען,
אין דער פינסטער געקוקט האָבען לאַכענדיג אויגען.
כ׳האָב געשפּאַנט אין מיין צימער ביז שפּעט אין דער נאַכט,
עמיץ האָט איבער מיר דאָרט געוואַכט, דאָרט געוואַכט.

משה וואַרשע

און אַן אויג, אַ שטום פֿערשטאַרטעס
רייסט זיין בליק פֿון מיר ניט אָב,
און עס זינקט אַלץ נידעריגער
מיין פֿערשאָלטען־מידער קאָפּ.
יעדע רגע, יעדע רגע
וועלקט אָב שטיל אין מיר מיין האַרץ,
און אין מיטען פֿון זיין בליהען
איז עס טרוקען שוין און שוואַרץ.

פ ע ר ז ע ן

אויף מײַן אָרעמער נשמה טהו דערבאַרעמען זיך, גאָט!
און אומווירדיגער, אַ זינדיגער, בעט איך דײַן גענאָד.
פֿון דעם תהום פֿון זינד, פֿערברעכען, פֿיהר מיך, שטאַרקער גאָט, אַרויס.
דער ניט־גוטער אויף מיר לויערט, לייז מיך פֿון איהם אויס.
ס'וואָלגערט זיך דאָס אומרײַן לייב מײַנס אין'ם טיפֿסטען שטויב פֿאַר דיר,
און שטיל־ציטערדיג דאָס האַרץ מײַנס קלאַפּט אַלץ אין דײַן טהיר.
פֿון דעם זינדיגען דײַן פּנים, קעהר, אַ גרויסער גאָט, ניט אָב,
פֿון דײַן גנאָד אַן איינציג שטראַל זאָל פֿאַלען אויף מײַן קאָפּ!

משה וואַרשע

ס׳זינקט אַ וועלט, און צאַפּעלט זיך,
צאַפּעלט זיך אין שטומען פּיין,
און פון דורות ביז צו דורות
ציהט דער שטילער טרויער זיך.
הערט די וועלט זיך איין,
האַלט איהר אָטהעם איין.
פלאַטערדיגעם האַרץ,
מיין וויים־בליהענדיגעם האַרץ,
זיי איהר טרויער־אָרגעל!

פערזען

נאָט האָט מיר א פקדון געגעבען:
א נשמה, א ווייסע, א ריינע
מיט א קינדישען צאַפּעל
און קינדישען לאַכען.
און אויגען — צוויי טויבען.
איך האָב די נשמה געשאָכטען,
א קרבן געבראַכט דעם ניט־גוטען.
פון אונטערן מעסער דאָס בלוט האָט געשפּריצט,
מיין לייב און מיין פנים פערשפּריצט.
און ס'קוקען די פלעקען, ווי וואונדען גאָר מיאוס'ע;
און ס'קוקען די פלעקען
ווי עדות גאָר שטומע,
וואָס היטען אין הארצען א שרעקליכען סוד.
און עס האָט דער ניט־גוטער
אין דער שעה אין דער בייזער
מיט א כשוף בעפוילען דער טויטער נשמה,
וואָס איז איהם צופוסענס געלעגען,
זי זאָל אין מיין גוף אייביג לעבען א טויטע.
איצט געה איך אַרום,
און הער זיך אַלץ צו

ווי ס׳קריכען שטיל אום
אין נשמה ביי מיר
קאַלטע און גליטשיגע ווערים.

און כ׳וויים:
ס׳איז געקומען די שעה,
באַלד וועט גאָט רופען,
באַלד וועט גאָט מאָנען
זיין פקדון צוריק.
א ליעבהאַרציגער שמייכעל אויף גאָט׳ס ליפען רוהט
פאַר זיין שיינעם פקדון,
א מלאך א ווייסער שטעהט ביי דער זייט,
א גינגאָלדענע קרוין אין דער האַנד;
און אין זיו־השכינה־ליכט
מאַכען צדיקים א ראָד.
טאַנצענדיג, זינגענדיג
געהען אַנטקעגען
גאָט׳ס אויסדערוועהלטער נשמה.

איך וועל א נבלה זיי ברענגען.

און אין צאָרען אין גרויסען,
וואָס פערשוועכט איז זיין ווילען,

פערזען

וועט גאָט מיין נשמה
פערטרייבען פון זיך,
און וועט איהר בעפוילען
זי זאָל שוין מעהר קיינמאָל
ניט קומען פאַר איהם.

מיט אַ טויטער נשמה
וואו ס'קריכען אום ווערעם
וועל איך אומוואָגלען
ביז דורות,
ביז דורות....

משה וואַרשע

לאָז מיך ליגען קניענדיג פאַר דיר מיין גאַנצען לעבען,
אפשר וועסטו מיר אַמאָל מיין שווארצע זינד פערגעבען.

פ ע ר ז ע ן

כ׳בין אין גאָרטען אומגעגאנגען.
מיר צופוסענס — בלעטער געלע.
כ׳האָב זיך צו דער ערד געבויגען,
מיט אַ ציטער אויפגעהויבען,
און מיט שרעקען און מיט עקעל
האָב איך גלייך אַוועקגעוואָרפען —
גליטשיג־נאַסע בלעטער.

כ׳בין אין גאָרטען אומגעגאנגען.
מיר צופוסענס — בלעטער געלע,
זיי האָבען געבעטען: דערבאַרמונג! דערבאַרמונג!
איך האָב זיי דערטראָטען, דערטראָטען.

שוועבען, טאנצען הייזער, בוימער,
אלץ אין נעבעל איז פערהילט.
און אין גרויען טאנצען גאסען,
דרעהען שטיל זיך, שטיל און ווילד.

צו א פענסטער צוגעבויגען
א געשטאלט קוקט שטאר פערשלאפען;
ס'רוקט אראב זיך די פאטשיילע
און דער מויל ביי איהר איז אפען.

אין דער נידער שאטענס גרויע
בלאנקען עפעס זיך ארומעט,
ס'האט זיי עמעץ ווער פערשאלטען,
און פערגליווערט זיי אין אומעט.

ס'פערנעמט מיין נשמה אין טויט־שרעק
דאָס שטומע געוויש!
ס'שיטען זיך, ס'שיטען זיך
שטום רוישיגע קלאַנגען,
גיפטיגע־נאַסע,
גליטשיגע־קאַלטע,
האַלזען מיך, לאַשטשען מיך,
וויקלען אַרום מיך ווי שלאַנגען.
ס'שיטען זיך, שיטען זיך
שטום רוישיגע קלאַנגען.

משה וואַרשע

מאַמע, מאַמע, אַלטע אומגליקליכע מאַמע,
ווייסטו, אַז דיין זוהן,
דיין בן־יחיד
איז געשטאָרבען שוין פון לאַנג?
און ווען דו גלעטסט איהם,
און ווען דו האַלזסט איהם,
און מיט אַ גליקליך שמייכעל קושסט איהם,
גלעטסטו, האַלזסטו, קושסטו
אַ שוין לאַנג געשטאָרבענעם,
און אין די אויגען קוקסטו איהם אריין —
קוקסט אין פּנים דו —
דעם טויט?

אָדער —
וויל ער געהט נאָך אַלץ ארום זיך
מיט שטיל וואַקלענדיגע טריט,
און ער שעפּטשעט אָפטמאָל
עפּעס אומעטיגע ווערטער,

פערזען

און אמאל טהוט ער א שמייכעל,
אזא מאָדנעם שמייכעל —
מיינסטו אז ער לעבט?
און מיט ציטערדיגע הענד
בינדסטו איהם דעם האלז ארום
מיט א וואַרעם־וואַרעם טיכעל.
און דו בלענדסט די אויגען זיך
און דיין אַלטען־אַלטען לעבען
שטריקסטו אין די זאָקען איין —
זאָקען אמת וואָלענע
פאַר דיין ליעבען זוהן? — — — —

משה וואַרשע

ווענען, אויף וועלכע איך האָב ווען געוואַנדעלט,
געזיכטער, אויף וועלכע מיין אויג האָט גערוהט,
נשמות, וואָס האָבען אַמאָל מיך געפאַנגען —
זייט מיר געגריסט!

אַן אַלטער, אַ מידער געה איך אַרום,
אַ שאָטען אין לעבען שלעפּ איך זיך אום,
אָהן פריידען פון לעבען, אָהן רוה פונ׳ם טויט.
די פרייד פונ׳ם לעבען איז מיר ניט בעשערט —
וויל איך די רוה פונ׳ם טויט,
וויל איך די רוה פונ׳ם טויט —
זייט מיר געגריסט!

פ ע ר ז ע ן

רייד ניט, רייד ניט.
ווערטער שרעקען מיך.
אונטער יעדען טרייסט וואָרט דיינעם
ציטערט מיין נשמה,
צאַפּעלט זיך.
ניט שווייג!
איך הער אין דיין שווייגען די פּיינען,
וואָס ציהען אין שטראָמען זיך שוואַרצע
און לעשען — פערלעשען די ווערטער,
וואָס גליהען אין הארצען.
טרייסט מיך.
מיט דיינע גלעטענדיגע ווערטער
ברענגסט דו די נשמה מיר אוים.
גלייך צוגליהטע צוואַנגען
נעמען מיך ארום
שטילע, מילדע
קלאַנגען.

משה ווארשע

אין א שלאפלאז־לאנגער נאכט, ווען איך האב אין פיין געטראכט,
אז ס'וועט קיינמאל שוין ניט זיין — איז ער שטיל צו מיר אריין —
האט די בשורה מיר געבראכט.
— אין דער שטילער בענקשאפט דיינער, אין דיין תפילה, אין דיין כעס,
האסט געבעטען, און געבעטעלט, און געיאמערט: משוגעת!
וועל איך איצט מיט מיינע אויגען ווייך בעריהרען דיין געזיכט —
פלאמט אין מידען מח דיינעם אויף א שווארצע ליכט.
איבער דיין נשמה וועל איך מיינע הענד צעשפרייטען —
וועלען טויטע שאטענס רייהען תמיד זי בעגלייטען.
אין א ראד מיט זיי צוזאמען וועסט אין טאנץ ארויס,
דרעהען וועט דער ראד זיך, דרעהען, דרעהען אהן א רויש.
מיט א שווארצען פייער וועלען טויטע אויגען גליהען —
און דער שטומער טאנץ פון שאטענס וועט אהן סוף זיך ציהען.

פערזען

כ'בין אין גאס ארויסגעלאָפען.
אין א שווערען, שווארצען חלום
איז די גאס נאָך שטיל געשלאָפען;
מיט א ווייסען טויטען פנים
האָט די לבנה שטיל געקוקט.
מיט א ווייסען טויטען פנים
האָט א שאָטען זיך גערוקט.
און פון טירען, און פון פענסטער
זענען נאָך מיר נאָכגעשפרונגען
מיט ארויסגעשטרעקטע צונגען —
דינע, ביינינע געשפענסטער.
שטום געלאכט, שטום געלאכט
האָט די גוסס'דיגע נאכט.

משה וואַרשע

ווער האָט אין דער שטיל אויסגעזויגען פון מיינע נאָך
קינדישע אויגען
דאָס שטראַלענדע ליכט?
ווער האָט עס מיין רוקען צובויגען, און האָט מיט אַ מאַסקע
פערצויגען
מיין פלאַמיג געזיכט?

ווער האָט אויף מיין וועג, די הרוגים — די טעג
ווי צייכענס פאַר מיר אויסגעשטעלט?
ווער האָט מיינע יאָהרען, וואָס נאָך ניט געבאָרען,
ווי בלעטער אין אָסיען פערגעלט?

כ'האָב מיט אייגענע הענד מיין נשמה פערברענט,
איהר אַש אויף די ווינטען צוזייט.
ניט איך שעלט, ניט איך וויין, ניט איך קריץ מיט די ציין,
איך געה מיר אַרום שטילערהייט.

און אפשר?... אפשר?...

האָט דער ניט־גוטער מיט מיר זיך געשפּילט,
ער האָט פון פערצוקונג דעם ריח דערפיהלט;
און דאַמאָלס האָט ער עס מיין האַנד אָנגעריהרט
און האָט מיך צום טמא מזבח פערפיהרט. — — —

משה וואַרשע

מיט אויגען מיט בלינדע קומט עמיץ צו מיר,
און שווייגענדיג שטעהט ער ביים טיר.
די אויגען אָן עפּעס דערמאָנען,
די אויגען אָהן אויפהער וואָס מאָנען.
— ווער ביסטו? וואָס ווילסטו? פאַרוואָס ביסטו בלינד?
וואָס קוקסטו? איך שרעק זיך .אָ, גיכער פערשווינד!
— קוק זיך איין אין מיינע אויגען, דאָס האָסט דו זיי בלינד געמאַכט,
צוגעטוליעט זיך צום פענסטער האָט די קאַלטע, בלייכע נאַכט.
אויגען בלינדע, אויגען בלינדע, א צובלוטיגט בלייך געזיכט.
גיב מיר אָב איצט מיינע אויגען! גיב מיר העלען ליכט!
ביים געבוירען האָט בעפוילען מיר דער גרויסער גאָט,
מיט א קרוין פון גאָלד'נע שטראַלען קומען פאַר זיין גנאָד.
כ'קען די שטראַלען נישט אויפקלייבען, ווייל איך בין דאָך בלינד,
מיט א לאַנג שוין טויטער האָפנונג וואַגעל איך אצינד.
און די טויטע האָפנונג מיינע האָב איך דיר געבראַכט
פאַר די בלינדע אויגען מיינע, פאַר דער בלייכער נאַכט.

בלעטלעך

עוואנגעליום

און ברענג אונז ניט צו קיין נסיון, נאָר בעפריי אונז פונ׳ם בעזען. דען דיין איז דאָס קעניגרייך, און די גבורה, און די הערליכקייט אויף אייביג.

און פאַרוואָס דערזעהסטו דאָס שפּענדעל אין דיין ברודער׳ס אויג, און אַ באַלקען אין דיין אויג בעמערקסטו ניט?

יעדער איינער ברענגט זיך אַליין צו אַ נסיון, ווען ער ווערט פון דער לוסט פון זיין אייגענעם האַרץ צורייצט און פערפיהרט.

די לוסט ווערט טראָגעדיג און געבירט זינד; און די זינד, וואָס מען טהוט, געבירט טויט.

און ווייסען מיר פון אמת און זינדיגען מוטוויליג, איז ניטאָ קיין כפּרה פאַר אונזערע זינד.

נאָר עס לויערט אויף אונז דער שרעקליכער יום־הדין, און דער גרימצאָרען פון פייער, וואָס איז גרייט אויפצופרע־סען אַלע ווידערשפּעניגע.

קומט צו מיר אַלע מידע און פעריאָכטע, און איך וועל אייך געבען רוה. נעמט מיין יאָך אויף זיך און לערענט זיך אָב פון מיר, דען איך בין גוט און דעמוטיג איז מיין הארץ. און רוה וועט האָבען אייער זעעלע, דען מיין יאָך איז — גוט, און מיין לאַסט — גרינג.

וואָהרהאַפטיג זאָג איך אייך: וועט איהר ניט טהון תשובה און ווערען ווי קינדער, וועט איהר ניט קומען אין גאָט׳ס קעניגרייך.

און איז דיר דיין האנד אָדער פוס א שטרויכלונג, האַק זיי אָב און וואַרף זיי אַוועק.

און איז דיר דיין אויג א שטרויכלונג, רייס עס ארויס און וואַרף עס אַוועק.

דען נאָך תחית המתים וועלען מענער קיין פרויען ניט נעמען, און פרויען קיין מענער, נאָר זיי וועלען זיין ווי מלאכים אין הימעל.

משפט ניט, און איהר וועט ניט גע׳משפט ווערען; זייט מוחל, און מען וועט אייך מוחל זיין.

ווילינ איז דער גייסט און שוואַך — דאָס פלייש.

און יעזוס האָט צו איהם געזאָגט: ווייל דו האָסט מיך געזעהן, האָסטו געגלויבט. זעליג זענען יענע, וואָס האָבען ניט געזעהן און האָבען געגלויבט.

גאָט איז גוט אויך צו די אונדאַנקבאַרע און שלעכטע.

א גוטער מענש ברענגט פונ'ם גוטען אוצר פון זיין הארצען גוטס, א שלעכטער ברענגט פונ'ם שלעכטען אוצר פון זיין הארצען שלעכטס. דען וואָס דאָס הארץ איז פול, רעדט דאָס מויל.

און ווער עס וויל געווינען זיין לעבען, וועט עס פערלירען; און ווער עס גיט אָב זיין לעבען פון מיינעטוועגען, וועט עס געווינען.

און יעזוס האָט געזאָגט: איך דאַנק דיר, מיין פאָטער, האר פון הימעל און ערד, וואָס דו האָסט דאָס פערבאָרגען פון די קלוגע און פערשטענדיגע, און האָסט דאָס מגלה געווען קליינע קינדער.

און עס לייזט אונז אויס די האָפנונג; די האָפנונג, וואָס זעהט, איז קיין האָפנונג נישט; דען זעהט איינער, וואָס האָט ער צו האָפען?

טויט! וואו איז דיין שטאכעל? גיהנם! וואו איז דיין נצחון?

דעם טויט'ס שטאכעל איז די זינד, און די שטאַרקייט געגען זינד איז דאָס געזעץ.

זייט אויפ'ן וואך, דען אייער שונא, דער שטן, געהט אום ווי א ברומענדיגער לייב און זוכט וועמען צו פערצוקען.

און איך ווייס, אז עס לעבט ניט אין מיר, דאס איז, אין מיין פלייש, דאס גוטע; איך האב דעם ווילען צום גוטען, אבער טהון טהו איך ניט. דאס גוטע, וואס איך וויל, טהו איך ניט, און דאס שלעכטע, וואס איך וויל ניט, טהו איך.

און איך געפין אין זיך א געזעץ, דאס ווען איך וויל גוטס טהון, איז דאס שלעכטע אין מיר פאראן.

דען לויט דעם אינוועניגסטען מענש האב איך פרייד פון גאט'ס געזעץ.

אבער אין מיינע גלידער האב איך אן אנדער געזעץ, וואס ברעכט דאס געזעץ פון מיין פערשטאנד, און מאכט מיך פאר א געפאנגענעם פונ'ם געזעץ פון זינד, וועלכער איז אין מיינע גליעדער.

א, איך אומגליקליכער! ווער וועט אויסלייזען מיך פונ'ם טויטען לייב?!

און דער מענש, וואס צווייפעלט, איז ניט זיכער אין אלע זיינע וועגען.

דער, וואס וועט אויסהאלטען ביז'ן סוף וועט אויסגע־לייזט ווערען.

בלעטלעך

אַלצדינג איז ריין פאַר די ריינע; און קיין זאַך איז ניט ריין פאַר די אומריינע, וואָס האָבען קיין גלויבען ניט, דען זייער פערשטאַנד און געוויסען איז פעראומווירדיגט.

זיי זאָגען, אַז זיי קענען גאָט; אָבער מיט זייערע מעשים לייקענען זיי אין איהם, און זיי זענען אומווירדיגע און ווידערשפעניגע, און טויגען ניט צו גאָרנישט.

און ווער עס נעהמט ניט אויף זיך זיין קרייץ און געהט מיר ניט נאָך, איז מיך ניט ווערטה.

גאָט'ס קעניגרייך איז ניט אין וואָרט, נור אין מאכט.

משה וואַרשע

מארק אַוורעלי

זאָלסט נאָר וועלען, קענסטו שוין לעבען היינט, ווי דו וואָלסט געלעבט אויפ'ן שוועל פון טויט. מענשען לאָזען דיך ניט? האָסטו אַ ברירה. איז אַ רויך אין שטוב — געה איך ארויס, און אַ סוף. געה! נאָר, אום גאָט'ס ווילען, פעראומער ניט דאָס לעבען.

פאַראַן מענשען, וואָס זענען שטענדיג שטאַרק פערנור־מען, און טהוען דאָך גאָרנישט; זיי זענען טויט־מיד פון אָנשטרענגונג, און דאָך איז אַלץ, וואָס זיי טהוען, אָהן ציעל און צוועק.

גוט איז, ווען אַ מענש פערלאָזט די וועלט אָהן אַ פלעק אויף זיין שילד, אָהן אַ שאָטען פון ליגען אויף זיין כאַראַקטער. איז אָבער אַ מענש איינגעטונקט אין זינד, זאָל ער געהן!

זיי ניט צוטומעלט און פערליר ניט דעם מוט, ווען דו לעבסט ניט אינגאַנצען לויט'ן געבאָט. ביזט געשטרויכעלט געוואָרען — איז וואָס? פרואוו נאָכאַמאָל, און זיי צופריע־

דען, וואָס אַ טייל פון דיינע מעשים זענען ניט אונטער דער מענטשען־ווירדע.

איין קוק געטהאָן — און שוין פערגאַנגען זענען דיינע טעג. דו אָבער הערסט זיך ניט צו צו זיך, און זוכסט גאָר לייטזעליקייט און ערלייזונג אין יענעמ׳ס אויגען.

גאָר גיך ווערסטו אַש און שטויב. און אפשר וועסטו איבערלאָזען אַ נאָמען נאָך זיך, און אפשר ניט. און וואָס איז אַ נאָמען? — אַ פוסטער קלאַנג! און אַלץ, וואָס איז טייער דעם מענשען, איז פויל און אומבעדייטענד. פאַר וואָס־זשע זאָלסטו ניט האָבען קיין געדולד, און וואַרטען ביז דו וועסט פערלאָשען, אָדער צוגענומען ווערען?

און ביז דאַמאָלס — וואָס וועט זיין? דיען די געטער און האָב עהרפורכט פאַר זיי; זיי גוט צו מענשען, זיי זיי מוחל, אָדער מייד זיי אויס, און געדענק, אַז אַלעס, אויסער דיין פלייש און בלוט, איז ניט אין דיין רשות, און ניט אין דיין מאכט.

אַ מיזאַנטראָפּישער, ווייבערישער, איינגע׳עקשנ׳טער כאַראַקטער, אַ ווילדער, ברוטאַלער, קינדישער, אונאַנשטענ־דיגער, טיראַנישער מענש.

וואָס גוט איז — איז גוט אין זיך און פון זיך. וואָהר־האַפטיג, אויף אַ האָר ווערט עס ניט בעסער און ניט ערגער פון עמיצענ׳ס לויב.

אלץ איז שוין לאנג בעשטימט און פון אנהויב טעג אין דיין לעבען פערוועבט געווארען.

פערלאזען זיך אויף אן אונמעגליכקייט איז א משוגעת, אן אונמעגליכקייט איז — אז שלעכטע מענשען זאלען ניט טהאן שלעכטס.

רעד זיך ניט איין, אז פאר דיר איז גוט צו ברעכען דיין ווארט, טראגען א שנאה אויף עמיצען, חושד צו זיין א מענשען, שעלטען וועמען, אדער טהאן עפעס, וואס שרעקט זיך פאר'ן שיין פון דער זון און קען ניט קוקען דער וועלט גלייך אין פנים אריין. דער מענש, וואס האלט טייער זיין נשמה און וויל דיענען גאט, בעקלאגט זיך ניט אויף זיין לעבען אין אן אומגליק, און שפיעלט ניט קיין טראגישע ראלע אין דער וועלט. ניט ער זוכט איינזאמקייט און ניט קיין געזעלשאפט; ניט ער אנטלויפט פון לעבען, און ניט ער לויפט איהם נאך. און קומט דער טויט, איז ער גרייט צו שטארבען — בעשיידען און עהרענהאפט, ווי אלץ, וואס ער האט געטהאן.

מיה זיך ניט צו זיין אריגינעל, אדער וויציג, און ניט רעד און ניט מיש זיך מעהר ווי מען דארף.

לויף צו הילף דיין נשמה, אויב דו האסט עפעס ליעבע צו זיך. נאך איז ניט צו שפעט.

וואָלט וויטמאַן

1

דו לופט, וואָס דו גיסט מיר אָטהעם צוםריידען!
איהר זאַכען, וואָס איהר רופט צונויף מיינע צוזעעטע
גערדאַנקען און גיט זיי אַ געשטאַלט!
איהר שטעגען אויסגעטראָטענע אויףביידע זייטען פונ׳ם
שליאַך!
איך גלויב, איהר בעהאַלט לעבענס־געהיימניסען,
איהר זענט מיר אַזוי טייער!
איהר פּלאַטערדיגע שטאָדטישע גאַסען! איהר שאַרפע גאַסען־
ווינקלען! איהר פּאַראַמען! איהר דאַקען און ווייטע שיפען!
איהר הייזער־רייהען! איהר פאַסאַדען מיט פענסטער!
איהר דעכער! איהר טויערן און איינגאַנגען!
איהר געזימסען און אייזערנע שטאַכעטען!
איהר פענסטער, וואָס אייער דורכזיכטיג גלאָז קען אַזוי פיעל
ענטפּלעקען!
איהר טהירען און טרעפּען, וואָס שטייגען אַרויף!
איהר גרויע שטיינער פון שאָסעען, וואָס ציהען זיך אָהן אַ סוף!
איהר אויסגעטראָטענע שייד־וועגען!

איך גלויב, פון אַלעם, וואָס האָט איך בעריהרט, האָט איהר
עפּעס זיך גענומען און איהר וועט עס מיר איצט געבען,
פון די לעבעדיגע און טויטע, וואָס האָבען געוואוינט אויף
אייער שטומער אויבערפלעך און זייערע גייסטער וועלען
מיר זיך אָפּענבאָרען און מיר פריינדליך זיין.

2

קום! דער וועג איז פאַר אונז!
ער איז זיכער — איך האָב איהם אויסגעפּרואווט —
ניט האַלט זיך אָב!
זאָלען די ווערקצייג בלייבען אין ווארשטאַט,
און דאָס געלד — ניט פערדיענט!
זאָל דאָס פּאַפּיר ניט־פערשריבען בלייבען אויפ׳ן טיש,
און דאָס בוך ניט־געעפענט אינ׳ם שאַנק!
פערלאָז די שול! ניט הער דעם לעהרער׳ס רייד!
זאָל דער פּרעדיגער פּרעדיגען אויף זיין בימה!
זאָל דער אַדוואָקאַט זיך לאָדען אין געריכט,
און דער ריכטער טייטשען דאָס געזעץ.

חבר! איך גיב דיר מיין האַנד!
איך גיב דיר מיין ליעבע, טייערער פון געלד.
איך גיב דיר זיך אַליין אָהן פּרעדיגט און געזעץ!
ועסטו מיר געבען זיך אַליין? וועסטו קומען געהן מיט מיר?
וועלען מיר צוזאַמען זיין אונזער גאַנצען לעבען?

3

פרעמדער, ווען דו בעגעגענסט מיך
און ווילסט מיט מיר ריידען, —
פאַרוואָס זאָלסטו מיט מיר ניט ריידען,
און פאַרוואָס זאָל איך מיט דיר ניט ריידען?

משה ווארשע

ניטשע

דער אָנהויב און סוף פון מיין חכמה איז — אַז אַלעס שווערע דאַרף לייכט ווערען, יעדער לייב — טאַנצען, און יעדער גייסט — אַ פויגעל זיין.

ווער ס׳גלויבט ניט אין זיך ליגט שטענדיג.

סוף כל סוף לעבט מען איבער נאָר זיך אליין.

גרויסע ליעבע צו זיך איז אַ סימן פון שוואַנגערשאַפט.

אַ, ברידער מיינע, בין איך דען ניט אַן אכזר? נאָר איך זאָג: דאָס וואָס פאַלט, דאַרף מען אַ שטויס טהאָן.
און קענט איהר עמיצען ניט אויסלערנען פליהען, לע־רענט איהם אויס גיכער פאַלען.

ווייניגער

האָט דער דורשט צו פערגניגען דערשטיקט אין מענ־שען דעם ווילען צו ווערט — איז דער מענש אַ געפאַלענער.

עס זענען פאַראַן נאָר פליכטען צו זיך אַליין, די פליכטען פונ׳ם עמפירישען איך צום טראַנסצענדענטען.

רחמנות האָבען אויף זיך איז אַ ווייבערשע מדה; און אפשר אַ אידישע?

אין תוך איז ליעבע אַ חשק אויסצוקויפען די אייגענע זינדיגקייט — אַזאַ חשק איז אונמאָראַליש.

ווי די פרוי, איז דער איד — גאָרנישט; קען ער ווערען אַלצדינג. ער איז גלייך צו אַ פּאַראַזיט, וואָס נעמט אָן אויף יעדען קערפּער אַן אַנדער אויסזעהן. ער איז אינערליך — פיעלבעדייטענד.

דער איד לעבט, ווי די פרוי, נאָר אין דער משפחה;

דער איד האָט ניט קיין אינדיווידואַליטעט, און דעריבער איז איהם אויך פרעמד דער אריסטאָקראַטיזם, וועלכער בע־שטעהט אין אָבהיטען גרענעצען צווישען פערזענליכקייטען־מאָנאַדען. דער איד איז ניט קיין מאָנאַדאָלאָג. פאַר'ן אידי־שען שפינאָזאַ זענען פערזענליכקייטען נאָר מאָדוסען פון דער איינציג רעאַלער אונענדליכער סובסטאַנץ, וואָס איז ניט אונטערוואָרפען קיין שום אינדיווידואַציאָן.

דער איד פערשטעהט ניט די נשמה: ער אַליין האָט ניט קיין נשמה.

א געניאַלער מענש איז דער, וואָס האָט דערגרייכט דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין פון זיין איך, און דעריבער, פון אַלעם וואָס איז ניט־איך. דען דער עכטער אינדיווידואַליזם איז דער עכטער אוניווערסאַליזם; דער געניאַלער מענש ליידט מעהר פון אַלע, ווייל ער ליידט מיט אַלע און אין אַלע.

גלויבען הייסט בעשטעטיגען דאָס אייביגע לעבען, אריינטרעטען אין אמת'ע בעציהונגען צום זיין. דער איד גלויבט אין גאָרנישט — ניט אין גאָט, ניט אין טייוועל; ער איז אין עצם א ניט־פרומער מענש. זיין א איד איז בעקוועם; זיין אומגליק, זיין אומגלויבען בעטראַכט ער פאַר א מעלה. ער זוכט ניט גאָט.

געניאַליטעט איז דאָס, וואָס גרויסע מענשען האָבען אויף זיך גענומען; די גרעסטע אויפגאַבע, דער גרעסטער

שטאָלץ, דער גרעסטער אומגליק ווערט דאָס גרעסטע גליק. אַ מענש איז געניאַל, ווען ער וויל געניאַליטעט. געניאַליטעט איז אוניווערסאַלע פעראַנטוואָרטליכקייט.

דער איד האָט ניט קיין הומאָר; ער איז סאַטיריש. זיין עראָטיק איז סענטימענטאַל. דען הומאָר געהט אויס פון׳ם אייביגען, אַבסאָלוטען צום צייטליכען, עמפּירישען; עראָטיק — פון עמפּירישען צום אייביגען. דער איד, ווי די פרוי, האָט ניט קיין איבערעמפּירישען איך.

יעדע משוגעת איז אַ רעזולטאַט פון די אונערטרעגליכע ליידען, וואָס זענען פערבונדען מיט בעוואוסטזיין. דער געניאַלער מענש, וואָס איז משוגע געוואָרען, וויל ניט זיין געניאַליטעט; אַנשטאָט דעם וויל ער גליק.

משה ווארשע

סט. ברזשאזאווסקי

דער גרעסטער שונא איז א לעבען אָהן א היסטאָרישען ציעל — א ווייכער, צוקראַכענער סוביעקטיוויזם.

מיר זענען עפּעס ווירקליכס, נאָר זייענדיג א מאַכט און פערשטאַרקענדיג דעם מענשענ'ס מאַכט. אַניט איז אונ־זער לעבען — א ליגען, און אונזער געדאַנק — א פּרוואוו דעם דאָזיגען ליגען אויסמאָלען ווי אַן אמת.

מען דאַרף אַלץ אויספּרואוווען מיט א שווערען האַמער, אין א פלאַקערדיגען פייער. אַלץ וואָס שוואַך איז זאָל אומקומען.

אונזער פיינד איז אַלץ, וואָס איז ניט בעהערשט, זיך־אַליין־איבערגעלאָזען סיי אין אונז, סיי אויסער אונז; אונזער פיינד איז יעדער נאַטור־צושטאַנד: נאַקעטע סטי־כיע, נאַקעטע נשמה.

ניט קיין רחמנות ווילען מיר, ניט קיין איינזעהעניש מיט אונזער אומגליק — זיעג ווילען מיר!

בלעטלעך

א פאָלק, וואָס קומט אום, האָט ניט קיין פּראָבלעמען. עס שרעקט זיך פאַר גאָרנישט — ס'קומט די קלאָרקייט, די רוה פון אַהנמעכטיג־אַלטע.

ס'געהט א מלחמה — זאָלען הינקענדיגע אוועקגעהן, זאָלען געעהרטע אַלטעטשקע־פּאַראַליטיקער קיין פיהרער ניט זיין.

ווער ס'האָט ניט אין זיך קיין שום קראַפט — ווייס ניט פון קיין אמת. יעדער אמת ווערט אין איהם א ליגען, וואָס דאַרף פערבאָרגען זיין אַהנמאַכט.

ניט פון חלומות איז די וועלט געבויט, נאָר פון עפּעס, וואָס איז האַרטער פון אייזען, שרעקליך און אייביג־שווייגענ־דיג, וואָס איז קיינמאָל ניט אונזער איך, אונזער נשמה, נאָר שטענדיג פרעמד, א שונא וואָס בעלאַגערט אונז אויף אַלע אונזערע וועגען. אין איהר, אין דער דאָזיגער וועלט, לעבען און בלייבען — דאָס איז פרייהייט. אַלעס איבריגע איז וואַריעטע, די חכמה פון קינדער, טענצער און שפּרינגער, ווערטער אויפ'ן זאמד געשריבענע.

דער, וואָס איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען אין א געוויסען פאָלק, וועט שוין ניט קענען לעבען אויסער זיין פאָלק. אָדער אין איהם וועט ער רעטען זיין נשמה, אָדער ער וועט פערגעהן. דאָס פאָלק איז אָבער ניט עפּעס פאַטאַ־לעס, עס דאַרף זיין א קראַפט, אָדער עס ווערט — ניט.

אונזער רעכט אויף לעבען איז ניט אינ׳ם דערקענען אונזער בערוף, נאָר אינ׳ם בעשאַפען איהם.

האר פון לעבען איז נאָר דער, וואָס קען אליין א קראַפט ווערען, און די לעבענס־קרעפטען בעהערשען.

וויכטיג איז ניט, וואָס דו ווילסט אויסמיידען, נאָר וואָס דו בעשאַפסט אין דער ארומיגער נאַכט, און וואָס טראַכט זי וועגען דיר און דיינעם, זי — די נאַכט, וואָס בעשאַפט שטענדיג עפּעס איהרס.

נאָר דער האָט א רעכט צו זאָגען איך וועגען זיך, ווער עס קען פון זיין איררעאַציאָנאַלען שטרעבען צו זיך אויסשמיע־דען א זיעגרייכע נשמה און בלייבען ע ר אנטקעגען דעם כאַאָס, וואָס בעפאַלט איהם פון אלע זייטען.

א נעזעלשאַפט, וואָס לעבט ניט ווי אן איררעאַציאָנאַלער צושטאַנד פון נשמות, צופאַלט; זי וועט שוין נאַרנישט אויפטהאָן.

פאַר יעדער נשמה שטעהט די פראַגע: מיט וואָס פאַר א קראַפט לעבסטו? אין וואָס זוכסטו דיין ערלייזונג? און ווילט איהר ניט פעראַטען די אייגענע נשמה, מוזט איהר שאַפען אזא פאָרם פון לעבען, וואָס זאָל האָבען די נשמה אין זיך, און דערביי זיין א קראַפט גענען קרעפטען, און גענען דעם אָנפאַל פון דער וועלט — א זיעגער.

דער שורש פון אמת איז אַ געפיהל, דאָס יעדע איבער־לעבונג אונזערע, יעדע טהאַט, בלייבט אין אונזער לעבען, אַז דאָס וואָס איינמאָל איבערגעלעבט לעבט אייביג.

דער געדאנק פון אונזער צייט וויל אַ לעבען אין רעכט. דער מענש וויל האָבען דאָס בעוואוסטזיין, אַז מיט יעדען ציטער פון זיין נשמה נעמט ער אַן אַנטייל אין אַ ווירקלי־כען אונאויפהערליכען קאַמפף. יעדע רגע ענטשיידט ער עפּעס, און דאָס, וואָס ער ענטשיידט ב ל י י ב ט. אַלץ ווערט איינציג, טראַגיש־אמת. עפּישע עהרליכקייט פון קאַמפף ווערט אַן אַטמאָספערע.

קאַטאָליציזם האָט די איבערצייגונג, אַז דאָס לעבען פון יעדען איינציגען מענשען איז אַ מאָמענט אין אַן אייבי־גען קאַמפף, וואָס די ערלייזטע מענשהייט פיהרט געגען שטן, געגען זינד. וויכטיג איז ניט, וואָס דער מענש טראַכט וועגען זיך, אָדער אַנדערע וועגען איהם, נאָר וואָס ער לעבט איבער אין זיך, אין דער איינזאַמקייט. אינ׳ם קאַטאָליציזם איז פעראייניגט דער טיעפסטער אוניווערסאַליזם מיט׳ן געפיהל פונ׳ם אונענדליכען ווערט פון יעדער איינער נשמה. איז דאָך יעדע נשמה גלייך־בעדייטענד אינ׳ם אַנגע־זיכט פון דער העכסטער ווירקליכקייט: כריסטוס, וואָס האָט זי ערלייזט.

ווער עס וויל אַ שאָטען זיין, ועט ווי אַ שאָטען פער־געהן!

הערט אויף א מענש צו האבען ציעלען, לעבט ער נאר עמאָציאָנעל, און מיט דער מאָס מעסט ער אלץ — לעשען זיך אין איהם אויס די אונטערשיעדען צווישען געדאנקען און ערשיינונגען. ער לעבט אין אן איינהייט — אין דער איינ־הייט פון פאסיוּוען, פון פיזיאָלאָגישען.

רעליגיעז און טראגיש איז יעדער בעשלוס.

א נויטווענדיגע בעדינגונג פון א מאָראלישען לעבען איז דאָס געפיהל פון קאמפף און פעראנטוואָרטליכקייט.

דער וואָס האָט ניט אין זיך קיין אינטעלעקטועלע עהר־ליכקייט, וויים ניט פון קיין גייסטיגען לעבען. געבירט ניט א מענש זיינע געדאנקען אויף זיין אייגענער פעראנטוואָרט־ליכקייט, פערוואָרפט ער געדאנקען אָהן אן אינוועניגסטער בעגרינדונג, דערוועקען געדאנקען־ווידערשפרוכען אין איהם ניט קיין ברענענדיגען חשק צו בעפרייען זיך פון זיי — איז ער ניט מעהר א דענקענדער איך — אין איהם איז חרוב גע־וואָרען א גרויסער מענשליכער ווערט.

זיין אן אינדיווידואַליטעט הייסט ניט זיין אין שלום מיט זיך; לעבען הייסט ניט קאָנסעקווענט זיין. בראנד איז דער זעלבער פייער גינט נאר אָהן טאלאנט. יענער פערליערט זיך אינ'ם פיעלפארביגען, דער — אין דער סיסטעמאַטישער, קאָנסעקווענטער אילוזיע. פון אמת'ן לעבען אין דער זון זאָגט זיך אָב דער מענש, וואָס וויל ניט מעהר ווי דיעגען,

זיין טריי זיין פּסיכישען איך. איבסען פיהלט, אַז אין אָנגע־זיכט פון דער פרוי און ליעבע שפּיעלט ער אַ פאַלשע שפּיעל; אינ׳ם ערָאטישען זענען מיר ניט פּסיכיק, נאָר סטיכיע, וועלכע בעשאַפט פּסיכיק.

ביי איבסענ׳ען אָבער איז אָנשטאָט לעבען — פּסיכאָ־לאָגישע דיאַלעקטיק.

יעדע ראָמאַנטיק איז אַ ליגען און אַ שווינדעל אינ׳ם אָנגעזיכט פון ערָאטישען, און עפּעס אונרייפעס אינ׳ם אָנגע־זיכט פונ׳ם טויט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר מענשען פון אַ העכערער ראַסע איז די רוה, מיט וועלכער זיי ווירקען אינ׳ם אַבסאָלוט־לעבע־דיגען, אַבסאָלוט קאָנקרעטען, אין דעם ניט־סכעמאַטישען, אין דעם ניט־לאָגישען.

עס איז ניטאָ קיין ריין־טעאָרעטישע געדאַנקען; אַלץ וואָס איז אינ׳ם מענשליכען בעוואוסטזיין מוז בערעכטיגט זיין. יעדער געדאַנק איז אַ פאָרם פון צווישען־מענשליכע בע־ציהונגען.

שאַפען מיר ניט בעוואוסטזיניג אינ׳ם געשיכטליכען — ווערען מיר אַ שפּיעלצייג פונ׳ם פיזיאָלאָגישען, וואָס נאַרט און פערפיהרט אונז.

משה ווארשע

ווער עס מאכט זיין הארץ פאר אן ארגאן פון דער אונ־ענדליכקייט, דארף זיין גרייט צו די מינוטען, ווען פלוצלינג לעשט זיך אוים דער גלויבען; דאס לעבען איז ענטרונען, גאט שוויינט, און מיט דיר איז אונזין. פרעגסט זיך: איז אמת, אז גאט האט אמאל גערעדט צו דער נשמה, און זיין ווארט האט געלעבט אין אונזער הארץ; דען מיר שטעהען איצט אין א פרעמדער וועלט, און גארנישט פערבינדט אונז מיט איהר.

אונזער לעבען, אונזער איך איז א פעסטונג: פערלא־זען מיר זי — פערלירט זי די מענשהייט אויף אייביג.

גארנישט דערקענען — אלץ עראבערן; קיין ערקענט־ניש — טהאט!

בלעטלעך

אָוויד

פערציייה, און טראָג אַלץ איבער דעמוטיג.

שעקספּיר

ניט משפּט — מיר זענען אַלע זינדיגע.

קאַרלייל

געבענשט איז דער מענש, וואָס האָט געפונען זיין אַרביים.

איבסען

טראַכטען? יא. נאָר טהון? דאָס פערשטעה איך ניט.

Что значитъ жить? Въ борьбѣ съ судьбою,
Съ страстями темными сгорать!
Творить? То значитъ, надъ собою
Нелицемѣрный судъ держать.

פינסקי-מזל פרעסס
125 קאנעל סטריט